# Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL. BIBLIOTEK
Royal Danish Library

Forfatter(e) | Author(s):
Titel | Title: Arbejderen
Alternativ titel | Alternative title: Der Arbeiter; דער ארבייטער; Der Arbejter
Bindbetegnelse | Volume Statement: 1915-16; Vol. 1-5
Udgivet år og sted | Publication time and place: København, 1915-1916

## DK

Værket kan være ophavsretligt beskyttet, og så må du kun bruge PDF-filen til personlig brug. Hvis ophavsmanden er død for mere end 70 år siden, er værket fri af ophavsret (public domain), og så kan du bruge værket frit. Hvis der er flere ophavsmænd, gælder den længstlevendes dødsår. Husk altid at kreditere ophavsmanden.

## UK

The work may be copyrighted in which case the PDF file may only be used for personal use. If the author died more than 70 years ago, the work becomes public domain and can then be freely used. If there are several authors, the year of death of the longest living person applies. Always remember to credit the author

Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL.
BIBLIOTEK
Royal Danish Library

DK

Digitaliserede udgaver af materiale fra Det Kgl. Biblioteks samlinger må ikke sælges eller gøres til genstand for nogen form for kommerciel udnyttelse.

For oplysninger om ophavsret og brugerrettigheder, se venligst www.kb.dk

UK

Digitised versions of material from Royal Danich Librarys collections may not be sold or be subject to any form for commercial use.

For information on copyright and user rights, please consult www.kb.dk

Der Arbeiter. d
Arbejderen
(Jiddisch)

1915 16

16-245 - Fol
DET KONGELIGE BIBLIOTEK
130012516992
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# אינטערנאציאנאלע פערזאמלונג.

אונזערע לעזער זענען שוין בעקאנט מיט די רעזולוציאנען וואס די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנפערענץ אין צימערוואלד האט אנגענומען דעם 5־8 סעפטעמבער (זעה אין נומער 2 „דער ארבייטער" אין וועלכע ס'האבען אנטייל גענומען, אמת, ניט אלע אפיציעלע ס'ד פארטייען, אבער די טיילען וועלכע האבען פון אנפאנג די קריג ביז דעם היינטיגען טאג ניט אויפגעהערט צו וועקען אין רופען די מאסען געגען דעם יעצטיגען נאציאנאל' פאטריאטיזום, דארט אין דער רעזולוציאן ווערט אויסדריקלעך געזאגט מיר נעמען אויף זיך די פליכט יעדער אין זיין לאנד צו רופען, און צו אגיטירען אז די קריג זאל זיך וואס שנעלער ענדיגען, „די קריג איז ניט אונזער קריג אין וואס דער סוף פון קריג זאל ניט זיין, וועלען די ארבייטער סיי ווי סיי פון איהם ליידען. מיר אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע ארבייטער וועלכע געפינען זיך אין קאפענהאגען האבען געפיהלט אז די רעזולוציאנען וואס האבען אונטערגעשריבען דייטשען, פראנצויזען, בולגאריער, רוסען, איטאליענער, יודען, איז אונזער בלוט אין פלייש, אין מיר מוזען זי אינטערשטיצען מיט אלע אונזערע כוחות. דעריבער האבען מיר זיך געאייניגט אין זונטאג דעם 19 דעצעמבער 1915 איז אבגעהאלטען געווארען א־אינטער נאציאנאלע פערזאמלונג (אין לאנדמאנס קאפע) וועלכע ס'זענען געוועזען ביז 100 מענשען עס זענען געווען פערטרעטען „בונד" בידע טיילען פ' ס' ד' פ.פ.ס רוסישע ס'ד. אין לאטישען. ס'האבען אויך גערעדט אין נאמען פון די פ. ס. ד. דער חבר בלאנדין, אין נאמען פון די ר. ס. ד. דער חבר בארעצקי, אין נאמען פו'ן בונד דער ח' לאדזער.

אלע חברים האבען אויסדריקלעך בעטאנט ווי דער אינטערנאציאנאל אין זיין יעצטיגען פארם זאל ניט ליידען, אדער די קריעג האט ניט געקאנט און וועט ניט קאנען איבערצייגען די מאסען פון די פעלקער אז די אינטערנאציאנאלע אידעע איז געשטארבען. צום לעצט איז איינשטימיג אונגענומען געווארען די רעזאליוציע.

די פערזאמלונג פון די צווישען סעקציאנען אין קאפענהאגען וועלכע בעשטעהען אויס מיטגליעדער פון דער ס. ד. פארטיי וואס ארבייט אין רוסלאנד דריקט אויס איהר צופריעדענהייט, און אנערקענונג דער צימערוואלדער קאנפערענץ וואס איז צוזאמענגערופען געווארען צום ציועק אנצופיהרען א קאמפף געגען די געגענווערטיגע שחיטות פון פראלעטאריאט, און געגען די סאציאל־שאוואוניסטען וועלכע האבען געגעבען די הענד די בורזשואזיע אין רעגירונגען וואס זענען די אמת'ע פיינד פון פראלעטאריאט, און דארום אריינגעברענגט א שפאלטונג אין די רייהען פון אינטערנאציאנאל און דארום פערראטען די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע פאהן, דער בעשלוס וואס איז געווארען אנגענומען אויף דער אינטערנאציאנאלער סאצ. קאנפערענץ אין צימערוואלד, רעכענען מיר פאר אונזערען און מיר פערפליכטען זיך נאך די מאס פון אונזערע כחות אין מעגליכקייטען איהם פערקערפערען אין לעבען, אגיטירען און קעמפפען פאר איהם.

נידער מיט'ן קריעג! נידער מיט'ן בורגפריעדען! עס לעבע דער קלאסענקאמפף! עס לעבע דער רעוואליוציאנערער קאמפף פון פראלעטאריאט געגען דער קריעג! עס לעבע דער סאציאליזם!

צום לעצט ווערט בעשטימט אז די זעלבע קאמיסיע וועלכע האט ארגאניזירט די פערזאמלונג זאל ווייטער עקזיסטירען און די קאמיסיע בעשטעהט פון פאלגענדע פערזאנען: קאנצע (פארזיצ.) בארעצקי (סעקרעטאר), א לאדזער, סאסבע, בלאנדין.

ס'איז אויך געזאמעלט געווארען 15,00 קר. פאר דער אינטערנאציאנאלע בערנער קאמיסיע, צו פערשפרייטען אינטערנאציאנאלע ליטעראטור.

יואל.

# פאליטיש-אימיגראנטען קאסע.

די פאליטישע אימיגראנטען־קאסע, וואס עקזיסטירט שוין אין קאפענהאגען פון סעפטעמבער 1915, און געהאט 19 מיטגליעדער, האט זיך ביז'ן ערשטען יאנואר 1916, פערגרעסערט אויף 38 מיטגל. ביז 1־טען יאנואר ד. י. איז איינגעקומען פון מיטגליעדער בייטראגע 95 קר. פערשיעדענע איינקונפטע 5 קר. צוזאמען 100 קראנן איהרע אויפגאבען זענען אינטערצושטיצען (דורך אנלייהען צו 8 מאנ) אויך אין א צייט פון ארבייטס־לאזיגקייט 8 קר. א וואך פאר ערוואקסענע און 2.50 פאר א קינד. בערעכטיגט צו בעקומען אונטערשטיצונג זענען אויך די מיטגליעדער פאליטישע אימיגראנטע! וועלכע געפינען זיך אין קאפענהאגען, וואס צוליעב געוויסע אומשטענדען קאנען ניט צאהלען זייער בייטראג.

עס איז נ'ט קיין צווייפעל, אז די קאסע איז זעהר א נויטי[ge] זא[ך] פאר די היגע פאליטישע אימיגראנטען, כדי צו בעקומען אי[ן] טערשטיצונג אין א נויט פון אייגענע, און ניט דארפען אנקומען צ[ו] אזעלכע" וועלכע „העלפען" אבער דערנאך רערען זיי פיעל...

מיר רעקאמענדירען אלע פאליטישע אימיגראנטען, ביי וועלכ[ע] עס איז נאך נישט אויסגעלאשען געווארען די פערגאנגענהייט, ז[א]לען זיך איינשרייבען אין די קאסע.

בייטראגע פאר מיטגליעדער פון בונדישען פעראיין 40 אויך און פאר מיטגל. פון אנדערע פאליטישע פעראיינען איז פון 50 א[ן] א. וו. מיטגליעדער ווערען אנגענומען נאר מיט דער רעקאמענדיר[ונג] פון 2 קאסע מיטגליעדער. די פערוואלטונג בעשטעהט פון פאלג[ענ]דע פערזאנען: ווילאט פארזיצ., טשודנאווסקי קאסירער, יואל סע[קרעטאר] און סלעפוכין.

---

מיט אלע אנגעלעגענהייטען פון בונדישען פעראיין ווי אויך דער צייטונג, בעטען מיר זיך ווענדען צום סעקרעטאר פון פער[איין]

J Pocztaruk, Skyttegade 14, 1 sal.

---

Das Wochenblatt's Trykkeri, Hausergade 36

דינגונג, מען זאל איהר לאזען פריי צו בעשליעסען, ווי זי זאל זיך אין מלוכה'יש־רעכטליכען הינזיכט אויף ווייטער איינארדענען, וועט אזא פערלאנג פאלקאם ענטשפרעכען די פרינציפען פון דעמאקראטי און אויב ער וועט דורכגעפיהרט ווערען, וועט, דורכגעפיהרט ווערען, וועט קיין אויפריכטיגער דעמאקראט געגען דעם גארנישט ניט האבען, אדרבה ער וועט עס בעטראכטען אלס א נצחון פון פראגרעס און אלס א גאראנטיע פון שלום.

תקון־טעות: אין לייט ארטיקעל די 4 שורה פון אונטען, פעהלט: ניין! זיין היימאט מוז גרעסער, אונענדליך גרויס זיין! די גאנצע מוז דאס זיין!

---

מיט אלע אנגעלעגענהייטען פון בונדישען פעראיין ווי אויך פון דער צייטונג, בעטען מיר זיך ווענדען צום סעקרעטאר פון פעראיין

J. Posztarik, Skyttegade 14, 1. Sal.

# צו די יודישע שניידער"*)

## פון האנס יאקובסען.

(פון דעניש איבערזעצט דורך אננא מיראנאוונא).

אין דעם פאלגענדען ארטיקעל ווילען מיר געבען א בעריכט פון די טהעטיגקייט און די ציעלען פונ׳ם דענישען שניידער פערבאנד. און מיר האפען אז דער דאזיגער בעריכט וועט מיטהעלפען דערצו אז מעהרער פון די יודישע שניידער, וואס ארבייטען אין קאפענהאגען, וועלען זיך איינמעלדען אין פערבאנד.

דער דענישער שניידער־פערבאנד נעהמט ארום ווי זיין נאמען וויזט, גאנץ דענעמארק; ער האט ביז 5000 מיטגליעדער און איז איינגעטיילט אין 70 פערשיעדענע אבטיילונגען, פון וועלכע 5 געפינען זיך דא אין קאפענהאגען. די 5 אבטיילונגען זענען: »דער שניידער פאך־פעראיין פון 1873«, »דער פאך־פעראיין פון הערענשניידערקעס«, »דער פאך־פעראיין פון די צושניידער" און »דער פאך־פעראיין פון די וואלרעקנעהערס« די 5 פאך־פעראיינען האבען אין גאנצען ביז 3000 מיטגליעדער, פון וועלכע דער שניידער פאך־פעראיין האט ביז 1200, די הערענשניידערקעס פאך־פעראיין ביז 1500 מיטגליעדער.

אזוי ווי די יודישע שניידער ארבייטען מעהרסטענטיילס אין די צוויי פאכען, וויל איך אין מיין ארטיקעל זיך אבשטעלען נור אויף די צוויי לעצט דערמאהנטע פאך־פעראיינען.

דער דענישער שניידער־פערבאנד שטעלט זיך נאטירליך דעם ציעל צו שאפען זיינע מיטגליעדער וואס בעסערע ארבייטס־ און לויהנבעדינגונגען. אום צו דערגרייכען דעם ציעל געפינט דער פערבאנד עס פאר נויטווענדיג פריהער פאר אלץ צו בעקעמפפען און צו אבשאפען די הויז־ארבייט און דעם העלפער־סיסטעם און זיך צו דערשלאגען אז עס זאלען ווערען איינגעפיהרט אבלאגאטארישע ווערקשטעלען. נאר דאס וועט געבען די מעגליכקייט זיך צו דערשלאגען אזעלכע ארבייטס־פרייזען, אז עס זאל זיין מעגליך פאר די ארבייטער אין געוועהנליכער ארבייטס־צייט אויסצוארבייטען אזא לוין, וואס זאל זיין גענוג צופיהרען אנ׳אנשטענדיג לעבען.

אין דער פראווינץ האט עס זיך איינגעגעבען די פארדערונג דורך צופיהרען: דארטען עקזיסטירען זייט 1909 דיזע אבליגאטארישע ווערקשטעלען.

אין קאפענהאגען איז מען נאך ניט געקומען אזוי ווייט. אין פריהיאהר 1897 איז פארגעקומען א לאנג־דויערנדער שטרייק פאר דער איינפיהרונג פון ווערקשטעלען, אבער דער שטרייק איז געווארען פערשפיעלט. א טייל שולדיג זיינען די פיעלע עקספלואטאטארען, וואס האבען עקזיסטירט דאמאלס אין דער בראנזשע פון דער בעשטעלונגס־ארבייט. דערפאר איז אויף א שפעטערדיגען קאנגרעס געווארען בעשלאסען, אז »נאר די קאללעגען, וואס בענוצען זיך ניט אויף קיין פרעמדע הילף ביי דער ארבייט קענען זיין מיטגליעדער אין פאך־פעראיין«.

זייט די בעשטימונג איז געווארען אנגענומען, איז דער »שוויים־טרייבעריי־סיסטעם« כמעט ווי אין גאנצען פערשוואונדען אין דער בראנזשע פון בעשטעלונגס־ארבייט. און ווען מיר וועלען יעצט צום פריה־יאהר 1916 ווידער ארויסשטעלען די פארדערונג פון אבשאפען די הויז־ארבייט, קען מען האפען, אז עס וועט אונז געלינגען זיך די פארדערונג צו דערשלאגען.

מיר האפען, אז די שניידער האבען שוין סוף כל סוף איינגעזעהען אז פאר זיי לוינט בעסער צו ארבייטען אין די מייסטערס ווערקשטעלען אנשטאט צו האבען א ווערקשטעל אין דער היים, וואו ער ארבייט אהן א שיעור. בנוגע צו׳ם ארבייטס־לוין איז אין פאריגען יאהר געווארען דורכגעפיהרט בעדייטענדע פערבעסערונגען. אזוי אז אין איינינע בראנזשען איז דער לוין געשטיגען ביז דאפעלט. אם ווענינסטען האט זיך איינגעגעבען צו דערגרייכען פאר לאגער ארבייט, ערשטענס דערפאר, וואס אין דער בראנזשע איז די קאנקורענץ פון אויסלאנד זעהר גרויס און צווייטענס דערפאר, וואס ס׳איז שווער צו ארגאניזירען די ארבייטער פון דער בראנזשע און דעריבער קומט אויס צו זיין פארזיכטיג מיט׳ן ארויסשטעלען פאדערונגען. אבער אזוי ווי דער טערמין פון די פרייז־קוראנטען ענדיגט זיך היינטיגען ווינטער קען מען האפען, אז עס וועט זיך איינגעבען צו דערגרייכען אזוינע פערבעסערונגען אז די פרייזען זאלען ווערען צוגעפאסט צו דער טייערונג אויף לעבענס־מיטעל.

כדי אז אזא רעזולטאט זאל קענען דערגרייכט ווערען, פאדער איך אויף אלע יודישע שניידערס וואס ארבייטען אין קאפענהאגען און וואס האבען זיך נאך ניט איינגעמעלדעט אין פאך־פעראיין, ביז איצט שטעהען ביז 150 מאן אין פאך־פעראיין, אבער זעהר א גרויסע צאהל שטעהט נאך אויסען. דאס דארף אזוי ניט זיין, יעדער ארבייטער מוז איינזעהן, אז עס איז זיין פפליכט צו זיין אמיטגליעד פון פאכפעראיין און צו טהון זיין חוב, דערפאר אז עס זאלען דערגרייכט ווערען גוטע ארבייטסבעדינגונגען.

די קאפענהאגענער יידישע שניידער איגנארירען (בעאכטען ניט) די בעשטימונג אז עס ניט חבר־מעסיג צו האלטען געזעלען און צו אונטערהאלטען די העלפער סיסטעם. זיי מוזען אנהויבען צו פערשטעהען, אז עס איז זייער פפליכט איינצואורדנען זייער ארבייטס־בעדינגונגען אזוי, ווי עס ווערט פערלאנגט פון די ארבייטער־ארגאניזאציאנען, און אז עס איז ניט שיין צו שאדען די ארגאניזאציאן פון זייערע קלאסענגענאסען, וועלכע האבען אויפ עבויט זייערע ארגאניזאציאנען דורך לאנג־יעהריגער ארבייט.

*) וויסענדיג אז די יודישע שניידער אין קאפענהאגען בילדען א גרויסע צאהל, און גאנץ בעזונדער די ניט ארגאניזירטקייט פון די שניידער־ארבייטער האבען מיר זיך געווענדעט צו דעם דענישען שניידער־אגיטאטאר ה׳ יאקובסען, אז ער זאל ספעציעל שרייבען וועגען די שניידער אנגעלעגענהייטען פאר אונזער צייטונג און מיט דער גרעסטער פרייד האט ער אונזער וואונש ערפילט.

מיר בעטען אויך די שניידער־ארבייטער, אונז צושיקען ארטיקלען מכוח די שניידער אנגעלעגענהייט.

די רעדאקציע.

מיר שטעלען ווייטער ארויף די פראגע פערזאמלונג דער קאמיטעט ענטזאגט זיך. שלאגען מיר פאר אז די אלע פעראיינען, זאלען אין זייער נאמען רופען די פערזאלונג·

מיר פערפליכטען זיך זאגאר· אז פון אונז וועט קיינער אויסער דעם בעשטימטען רעדנער ניט ריידען. דאן מעלדען די פערטרעטער פון די „פעראייניגונג״ אהן אלע רוסישע יודען· אויך דער הזמיר· אז זיי ווילען ניט געבען זייערע אונטערשריפטען אויף אזא פערזאמלונג· נאר ס׳ווערט בעשטימט אז מיר בעטען דעם ה׳ ק· ער זאל רופען אט די פערזאמלונג· דאן בעמערקט אונזער חבר· ווי איך זעה וועט שוין די פערזאמלונג ניט פארקומען· ווייל איעדער ק.איהר די פעראיינען אנטזאגען זיך צו געבען זייערע אונטערשריפט לעג איך פאר אז אום צו זאמלען געלד אין אדארך פירען די ארבייט ביי די ארטיגע יודען, זאל ווערען צוזאמענגעשטעלט אקאמיסיע פון 18 מענשען אין צום גליק ווערט דאס אונגענומען· ד׳ה אז יעדער פעראייך שיקט צו 2 פערטרעטער·

אויף די ערשטע זיצונג פון די 18 מענשען שטעלט ז׳ך באלד די פראגע וואס איז די קאמיסיאן· קאן זי זיין זעלבשטענדיג אין אונטערנעמען וועלכע ארבייט אהן דעם הויפט ק· ? אדער זיי איז בלויז אטעכנישע קאמיסיאן אין זי האט נאר בלויז טעכנישע אויפגאבען· נאר די „קלוגע״ מערהייט בעשטימט אום זיך געווי צו דערוויסען וואס מיר זענען, פרעגען מיר ביים „גלאוונעם קאפ״ פון קאמיטעט· ווער דאס איז ווייסט איהר דאך מסתמא!

ווען מיר שטעלען ווידער פערזאמלונג· אבער הערט די מיינונגען פאר וואס מיר דארפען ניט מאכען אזא עפענטליכע פערזאמלונג· דארט אין פאריז· און אין לאנדאן· אויך דא אין קאפענהאגען· האבען די קאנסאלען· בעקאנט געמאכט· אז אלע רוסישע מיליטער אנגעהעריגע זאלען זיך מעלדען צום קאנסול· דעריבער דארפען מיר ניט מאכען קיין ר ע ש כדי מ׳זאל ניט וויסען פון אונזער אויפהאלטען זיך· און נאך אזאך דארט מאכט מען פאגראמען· מ׳ ש ע נ ד ע ט פ ר ו י ע ן מ׳טרייבט די י ו ד ע ן פ ו ן ז י י ע ר ע א ל ט ב ע ז ע ס ע נ ע ע ר ט ע ר· אין ווען מיר ווען מיר וועלען נאך מאכען אזעלכע פערזאמלונגען, מוז מען דאך ש׳לדערען די לאגע פון רוסלאנד, וועט מען נאך שטארקער דעבייזערען אונזער רעגירונג· און זי וועט דעם גאנצען כעס אויסלאזען צו די יודען· איהר הערט לאגישע ווערטער נוט אמת? אזוי איז די פראגע מ׳כוח אפערזאמלונג ווידער אדורכגעפאלען, מיינט ניט אז די רייד שטאמען פון די פעראיינס דעלעגירטע· ניין· זיי האבען בלויז נאכגעזאגט דאס· וואס די אדונים· ד׳ה די רייכע· מיט מאצקינען אין דער שפיץ· האבען דאס פארגעזאגט· איהר דארפט דאך וויסען אז זיי זענען דאך די געבילדעטע· און ווי קאנען מיר זיין געגען הא?!

מיר גלויבען אז איהר ווילט דאך וויסען וואס דער „גלאוונער קאפ״ האט אונז געענטפערט, „ניין· איהר זייט בלויז א טעכנישע קאמיסיע ווען איהר ווילט וואס אדארכפיהרען קענט איהר דאס אין אייער נאמען, אבער נ־ט אינ׳ם נאמען פון הילפס קאמיטעט״. נון· ווי איהר ווייסט שוין· איז קיין פערזאמלונג דאמולט ניט פארגעקומען· אין קאמיטעט איז געבליבען 9 צוגערייזטע 3 ארטיגע·

צוליעב מאנגעל אין פלאץ מוזען מיר אייניגע קליינע זיצונגער פערפעלען· ווייל מיד גלויבען אז אונז וועט נאך אויסקומען זיי צו בערירען גאנץ בעזונדער· די לעצטע זיצונג פון פרילונג, איז געווען אין אפריל 1915. אויף דער זיצונג לייגען מיר פאר דעם פארזיצענדער· אז ער זאל זעהן צו בעקומען, בעשטעטונגען אויף די געשיקטע געלדער, אין פעטערבורג· און אין פאלעסטינע...

געוויינ.ליך פלעגט פארקומען יעדען מאנאט אזיצונג· אבער פ׳איז שוין מאי אריבער ס׳איז שוין יוני און קיין זיצונג קומט ניט פאר· ווענדען מיר זיך צום פארזיצענד· אין מיר בעקומען פאלגענדען ענטפער· מיר פערעפענטליכען דיביידע בריעף כדי די קאפענהאגענער בעפעלקערונג זאל זעהן אויב ס׳איז אמת די בעשולדיגונג פון ה׳ מאצקין· אין דאס צובאמעווען פון דעם „קליינעם״ מי־ט׳ן גרויסען פארטפעל אויף דער פערזאמלונג פון 9 טען נאוועמבער· אז מיר זענען שולדיג דאס וואס איז ניט געזאמעלט געווארען די גאנצע 5 זומער מאנאטען קיין געלד ביי די ארטיגע יודען·

אונזער בריעף· דעם 15 יוני 1915· שוין באלד 3 מאנאטען· צום ה׳ מאצקין ווי ס׳איז קיין זיצונג פון הילפ׳ס קאמיטעט ניט געווען אין אונז אלעמען איז גוט בעוואוסט אז די נויט איז ניט קלענער נאר גרעסער געווארען און אין קאסע איז דא געלד, איז פיעל צוועקמעסיגער אז דאס געלד זאל ווערען אוועקגעשיקט ווי ס׳זאל ליגען דא אין קאסע· דער ענטפער:

דעם 27 יולי 1915· „צו דעם בונדישען פעראיין אין קאפענהאגען,

צו דעם הערען סעקרעטאר יואל, זעהר געערטער הערר! איהר זייד גערעכט מיט אייער פערלאנג· דאס עס זאל זיין א פערזאמלונג פון דעם ה· ק. אין דער לעצטער צייט איז נאך אביסעל געלד צוגעקומען· און עס איז צייט ניט נאר אוועקשיקען דעם רעסט, נאר אויך צו בעטראכטען און צו בעשטימען· וואס מען קען טהון אין דער קומענדיגער צייט· איך האב דערפאר נאך איידער איך האב בעקומען אייער בריעף גערעשעט צונויפרופען די דאזיגע אסיפה, כדי אבצוגעבען דין וחשבון· אבער אזוי ווי איך פאהר מיטוואך צו דאנערסטאג אוועק אויף אייניגע טעג, האבען מיר אבגעלייגט די זיצונג אויף דער קומענדיגער וואך· איך רעכען, דאס דיענסטאג דעם 6טען יולי וועל איך שוין זיין ווידער דא וועלען מיר דאמאלט פארנאנדער שיקען איינלאדונגען· פון די רשימות, וואס זיינען געווען און וואס וועלען נאך קומען· קאנט איהר זעהן· אז די עברדיגע צייט איז ניט געבליבען אונבענוצט· חאטש עס איז אלץ אנגעקומען זעהר שווער״.

מיט אכטונג א· ל. מאצקין·

ווי איהר זעהט· האט די זיצונג פון ה· ק· געזאלט פארקומען דעם 6 טען יולי· אבער זי איז פארגעקומען אין 12 טען אווגוסט· מיינט איהר דאך אז זי האט עפעס אונטערגענומען וועגען די ווייטערדיגע ארבייט? ניין, קודם־כל שטעלט זיך די פראגע אויב די זיצונג קומט פאר ווייל ס׳ה זענען געוועזען 11 מענשען שטענדיג ביז 30· אונזער חבר לעגט פאר מיר מאכען די זיצונג די לאגע איז צו ערענסט· אין אלע הערען און דאמען· ווייסען פון דער זיצונג האבען זיי גדארפט קומען, אונזער בעשליסען זענען אויך בעשלוסעהיג, פון אפריל ביז אווגוסט איז גענוג פעריע, דער פארזיצענדער איז איינשטימיג אז מיר מאכען די זיצונג, נאר צו בעשלוסען מכוח די געלדער ווי צו שיקען· די ווייטערדיגע ארבייט ווארטען מיר ביז סעפטעמבער· דאן מאכען מיר אצווייטע זיצונג· און דאס ווערט אונגענומען, אבער די זיצונג איז ניט פארגעקומען אין סעפטעמבער נאר דעם 4 טען אקטאבער...

(פארטזעצונג קומט). א לאדזער·

# אונזער אנטייל אין הילפס־קאמיטעט.

דעם 10 טען יאנוואר 1915 איז אויף אפערזאמלונג פון בונדישען פעראיין בעשלאסען געווארען צונויפצורופען א פאלקס פערזאמלונג פון אלע רוסישע יודען אין קאפענהאגען, כדי צו בעטראכטען ווי אזוי צו העלפען די אונגליקליכע יודען פון רוסלאנד.

אבער דעם 12 טען דעם זעלבען מאנאט, האט אונזער פעראיין בעקומען אנ־איינלאדונג — צו שיקען אפארשטעהער אויף א זיצונג פון אקאמיטעט וואס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אויף אבעל־הבית׳־שער פערזאמלונג פון די צוגערייזטע יודען אין קאפענהאגען, פון 9 מענשען, אונטער׳ן טיטעל הילפס קאמיטעט פאר די נויטליידענדע יודען פון די מלחמה לענדער.

אין דער דערמאנטער זיצונג אין וועלכע עס האבען אנטייל גענומען 23 צוגערייזטע, און בלויז 7 פון די ארטיגע פעראיינען האט זיך דייטליך ארויסגעוויזען, אז די הערען פון ק. ווילען נאר האבען די ארטיגע פערטרעטער, כדי צו פערפוצען די זאך, אז דאס איז ניט בלויז פון די צוגערייזטע יודען, נאר אויך פון די ארטיגע, און באלד טאקע אויף דער זיצונג, ווען אונזער דעליגירטער ה. קאציק, האט פארגעלייגט, אז אין דעם ק. פון די 9, זאלען אריין 4 ארטיגע, און 5 צוגערייזטע, האבען זיי דעם אמת׳ן פנים געוויזען, און דאס אבגעווארפען, נאר זיי האבען פערלאנגט, אז די אלע ארטיגע פעראיינען צוזאמען, וועהלען צו 2 אין דעם שוין עקסיסטירענדען ק. פון די 9 צוזאמען 11 אזוי ארום וועט איעדער וואלף, אי דאס שעפסעלע צופרידען געשטעלט זיין.

דאן מעלדעט אונזער חבר, אז ער וועט אין די וואהלען קיין אנטייל נעמען, ווייל די ארטיגע יודען בילדען אפיעל גרעסערע צאהל ווי די יעצטיגע צוגערייזטע, און דאריבער קאן בעקיינפאל ניט ווערען אונגענומען די אויך מיר פערטרעטערשאפט פון 2 אין קאמיטעט צום לעצט בעשטימען זיי, אז ס׳וועט צוזאמענגערופען אפערזאמלונג פון אלע ארטיגע פעראיינען צו דריי פארשטעהר, און צוזאמען קלויבען אויס 2 פערטרעטער אין דעם קאמיטעט.

אויף דער פערזאמלונג פון די ארטיגע פעראיינען 21 מענשען אין צאהל, האבען מיר פארגעלייגט אז דער פון זיך געוועהלטער קאמיטעט רופט אעפענטליכע פערזאמלונג, צוליעב 2 זאכען. 1 ערקלערען די נויטווענדיקייט פון די יודען וואס געפונען זיך דא, צו שטיצען יענע אוגגליקליכע יודען פון רוסלאנד, און ווען דער קאמיטעט שטעלט זיך ברייטערע אויפגאבען און וויל אויך שטיצען די יודען פון גאליציען, און ארץ ישראל האבען מיר אויך ניט דערגעגען, 2 דער קאמיטעט פון די ארטיגע זאל ווערען פון די פערזאמלונג אויסגעקליבען. די פערטרעטער פון די „פעראייניגונג" האבען פארגעלייגט אז די פערזאמלונג פון די 21 וועהלען אויס 4 אין קאמיטעט, ניט 2. צום בעדוירען האט דער ה. קאציק איינער פון אונזערע 3. צוגעשטימט צו דעם פארשלאג פון פעראייניג, און דאס האט אונז געמאכט אונמעגליך, ווייטער אונטערצוהאלטען די פאדערונג, אז דער קאמיטעט זאל רופען אפערזאמלונג זאל אקאמיטעט אויסקלויבען, בעת ס׳איז אדורך אז ס׳גיין אריין 4 אין קאמיטעט ערקלערט ה׳ מאצקין אלס פארזיצענדער, איך וועל זעהן אז דער ק. זאל בעשטעטיגען די 4 מענשען, ווייל ביי אונז איז בעשטימט אז איהר וועהלט בלויס 2, הרב מ. בערלין ערקלערט, אזוי ווי דער ה. מאצקין האט שוין צוגעשטימט אז פון אייך קומען 4 מענשען וועל איך אויך זעהן אונטערצושטיצען ה׳ מאצקין, אויף דעם קאמיטעט זיצונג אז די 4 זאלען ווערען בעשטעטיגט, ניט אמת? ווירקלעך גוטע מענשען!..

אויף א זיצונג פון בונדישען פעראיין, איז געמאכט געווארען פארווירפע דעם ה׳ קאציק פאר זיין ניט טאקטישע האנדלונג, פאר זיין צו שטימען צו דעם פארשלאג, פון די „פעראייניגונג", און דאדורך צושטערט די אייניגקייט פון אונזערעפערטרעטער, אין דארום איז ניט אדארך געגאנגען אונזער פארשלאג, שפעטער מעלדעט דער ה׳ קאציק אז ער ציהט זיין קאנידאט צוריק, מיר וועלען אויך בעמערקען אז די 4 אויסגעוועלטע זענען געוועזען ה׳ קאציק, וויגאצקי פרידמאן, קאנטאר ביימעל. אונזער ביורא האט בעשטימט. ווייטער אונטערצוהאלטען די פאדערונג, אז דער קאמ. זאל אויסגעוועהלט ווערען, אין מעלדענדיג דעם ה׳ מאצקין אונזער בעשטימונג, האבען זיך די הערען אזוי דער־שראקען, אז זיי האבען בעשטימט, ניט מעהר צו מאכען קיין עפענטליכע פערזאמלונג, מיר האבען פארגעסען אז אויף דער פערזאמלונג פון די 21, איז אויך בעשטימט געווען, צו מאכען א־עפענטליכע פערזאמלונג, כדי צו אגיטירען די קאפענהאגענער יודען, זאלען זיך אקטיוו בעטייליגען אין צאהלען געלד אזוי איז זיך געגאנגען ביז דעם 6 טען מערץ. אויף א זיצונג פון די ארטיגע פעראיינען, דעם 6 טען מערץ איז די פראגע ארויפגעשווימען אין איהר גאנצען גרויס,. מיר פראטעסטירען פאר וואס ס׳איז ניט פארגעקומען די שוין פראקלאמירטע פערזאמלונג, דער פארזיצענדער ה׳ מאצקיןווארפט די גאנצע שולד אויף אונז, ווייל מיר האבען געהאט די חוצפה, צו פערלאנגען אזא זאך ווי וועהלען. און בעמערקט 1 ווען איהר וואלט דאמאלט געוואלט דייקע 7 אין קאמיטעט, וואלטען מיר אויך געוועזען בעשטאנען, איהר האט בעשטימט 4 אין צום לעצט ווילט איהר גאר אז אפערזאמלונג זאל וועהלען? איהר הערט, א־אונטערשייד פון איין זיצונג ביז די צווייטע? צום ערשט איך וועל זעהן אז דער קאמיטעט זאל בעשטעטיגען די 4 אין נאך אקליינעם פראטעסט איהר וואלט געוועזען בעשטימט 7 וואלטען מיר אויך בעשטאנען, אבער אלץ ניט וועהלען.. נאר דא קומט אמיטגליעד פון קאמיטעט אין ערקלערט אמת זיי, דער „ב" האט אייך נאר צוגעפיערט אז איהר זאלט האבען אין וואס זיך אנציהאלטען, אבער אין גאנצען זענען זיי אויך ניט שולדיג, ווייל אייניגע פון די בעשטימטע רעדנער האבען זיך געהאט צוריקגעצויגען פון ריידען, אין איהר אליין האט געוואלט פון איהר פשוט פטיר ווערען ווארפט ניט די גאנצע שולד אויף זיי, מיר ערקלערען, מיר האבען ניט געמיינט, אז די רייכע וועלכע זענען שוין אין קא. זאלען קומען צום משפט, פון די פערזאמלונג, נאר גאנץ איינפאך די ארטיגע כדי זיי זאלען האבען מער פעראנטווארטליכקייט.

צו אונזער גרעסטען פרייד מוזען מיר בעמערקען, אז די גאנצע צייט וואס מיר נעמען אנטייל אין דעם ק. האבען מיט אונז געשטימט די פערטרעטער פון „בונד׳ס" לעזע־האלע, וועגען די האלטונג פון די פעראיינען — אצווייטע מאהל).

# פאר וואס א סאציאליסט קען ניט זיין קיין ציוניסט·

פון אלגין.

„וואס ווערט איהר אן, אז איהר וועט יא וועלען ציון? איהר קענט אייך זיין אגוטער סאציאליסט· און דאך וועלען האבען א אידישען שטאאדט אין פאלעסטינא· אייער קלאסענקאמפף וועט דערפון קיין פיצעל ניט ליידען·"

די דאזיגע פראגע קענט איהר אפט הערען פון דיא ציוניסטען. און אפילו ביי איניגע געגאסען באמבעלט זי זיך אין קאפ און פערטומעלט זיי דעם מוח און זיי קענען אויף איהר ניט געבען קיין קלארע תשובה·

אונז דאכט זיך· אז מען דארף קודם כל זעהען דעם אונטערשיעד צווישען אן איינצעלנעם מענשען און אן ארגאניזאציע פון מענשען· אלס אן איינצעלנער מענש קען איך האבען פערשיעדענע פערלאנגען. איך קען וועלען· אז דייטשלאנד זאל זיין א רעפובליק. איך קען וועלען· אז די גאנצע וועלט זאל בעקומען איין שפראך. איך קען וועלען· אז מענשען זאלען מאכען א לוסטרייזע אויף דער לבנה. אלס פריוואט־מענש· ביי זיך אין דער היים· קען איך וועלען· וואס עס קומט מיר נאר אויף דער מחשבה·

אלס ארגאניזאציאנס מענש· אלס א מאן וואס געהערט צו א פארטיי· קען איך וועלען נאר אזוינע זאכען· וואס מיין ארגאניזאציאן אדער מיין פארטיי קענען דאס דערגרייכען. אלס א מיטגליעד פון אן ארבייטער־פעראיין קען איך וועלען העכערען דעם לוין און קירצען די ארבייטס־צייט, איך קען אבער ניט וועלען בויען אייזענבאהנען· אין יאפאן. אלס א מיטגליעד פון אייזענבאהן־טראסט אין אמעריקא קען איך וועלען בויען אייזענבאהנען· איך קען אבער ניט וועלען אלגעמיינעס שטימרעכט אין פרייסען. אלס א מיטגליעד פון א סאציאליסטישער פארטיי קען איך וועלען אלע זאכען· וואס ליעגען אויפ'ן וועג פון קלאסענקאמפף איך קען אבער ניט וועלען בעפעלקערען דעם נארד־פאל·

אלס א סאציאליסט האב איך נאר איין וועג: דעם רעוואלוציאנערען קלאסענקאמפף· אין דעם פראגראם פון מיין פארטיי נעהם איך אריין נאר אזוינע זאכען, וואס קענען דערגרייכט ווערען דורך קלאסענקאמפף· איך וויל אן אכטשטונדיגען ארבייטס־טאג· ווייל דער ארבייטערקלאס קען דאס דערגרייכען דורך דעם קאמפף פון זיינע ארגאניזאציאנען. איך וויל תאבען וואס מעהר ארבייטער־פערטרעטער אין דעם פארלאמענט פון מיין לאנד, ווייל דורך שטענדיגע אגיטאציאן און פראפאגאנדע קען זיך מיין פארטיי דאס דערשלאגען· איך וויל פערבייטען די דעספאטישע ארדנונג אין מיין לאנד אויף אפרייע ווייל איך ווייס· אז א רעוואלוציע קען דאס דערגרייכען· איך וויל עס זאל איינגעפיהרט ווערען א סאציאליסטישע ארדנונג· ווייל איך בין זיכער, אז דורך שטענדיגע ארגאניזירטע רעוואלוציאנערע ארבייט וועלען דאס די ארבייטער פריהער אדער שפעטער ערקעמפפען·

איך קען אבער ניט אריינגעהמען אין דעם פראגראם פון מיין פארטיי אזוינע זאכען· וואס ביים בעסטען ווילען קען דער ארבייטער זיי ניט ערקעמפפען. די סאציאליסטישע פארטיי פון דייטשלאנד קען ניט אריינשטעלען אין איהר פראגראם די פאדערונג: קאלאניזירען אלאסקא· וזייל די דייטשע ארבייטער האבען קיין שום מעגליכקייט ניט פאר אזא פאדערונג צו קעמפפען. די סאציאליסטישע פארטיי פון אמעריקא. קען ניט פאדערן—פעראייניגען די דריי סקאנדינאווישע מלוכות אין איין שטאאט· ווייל אזא «פאדערונג» וואלט נאר געווען לעדיגע ווערטער· אהן א מעגליכקייט צו שטיצען די ווערטער דורך טהאטען.

אלס א אידישער סאציאליסט קען איך ניט וועלען א אידישען שטאאט אין פאלעסטינא· ווייל דער יודישער ארבייטע־קלאס קען אט דאס „וועלען" ניט שטיצען דורך קאמפף דורך ארבייט.

פאלעסטינא איז אין אזיע· מיר וואוינען אין אייראפא און אמעריקא פאלעסטינא געהעהט צו טירקיי· מיר געהערען צו די פעראיניגטע שטאאטען פאלעסטינא איז פאר אונז אזוי ווייט· ווי אלאסקע פארדי דייטשע סאציאליסטען. מיר· אלס סאציאליסטען· אלס מיטגליעדער פון ארבייטער־ארגאניזאציאנען· קענען ניט טהאן די מינדעסטע זאך· כדי פאלעסטינא זאל ווערען א אידען־שטאאט

מיר מעגען טויזענד מאל שרייען: „מיר ווילען פאלעסטינא"· קיינער וועט אונז ניט הערען ווייל עס איז ניטא ווער עס זאל אונז הערען. מיר מעגען מאכען א גענעראל־סטרייק און אבשטעלען דאס לעבען פון פיעלע אמעריקאנישע אין אייראפעאישע שטעדט· דאס וועט אונז ניט העלפען ווארום די רעגיערונגען קענען אונז ענטפערען זעהר איינפאך: קינדערלעך· עס איז ניט אונזער זאך מיר קענען אייך ניט געבען פאלעסטינא, ווייל זי איז ניט אונזער מיר מעגען מאכען א טוץ רעוואלוציעס אין אמעריקא· זיי וועלען זיין ארויסגעווארפענע ארבייט· ווייל קיין שום רעוואלוציע און קיין שום קלאסענקאמפף אין אמעריקא און אין אייראפע קענען ניט בעשאפען קיין „געזיכערטע היים" אין פאלעסטינא· ניט איצט און ניט שפעטער מיט יאהרען·

פאלעסטינא ליעגט ניט אויפ ן וועג פון דעם קלאסענקאמפף פון די ארגאניזירטע אידישע ארבייטער· דעריבער קענען די ארבייטער דאס ניט דערגרייכען· דעריבער קענען די ארבייטער ניט אריינשטעלען פאלעסטינא אין זייער פראגראם. דעריבער קענען די ארבייטער־ארגאניזאציעס· אלס ארגאניזאציעס· ניט זיין ציוניסטיש פריוואט· אין אייער עס־צימער, מיט אייער ווייב אין קינדער, מעגט איהר זיך זיצען און רייבען די הענד און זאגען: „איי וואלט געווען גוט· ווען אידען האבען אן אייגענע מלוכה". געזעלשאפטליך קענט איהר אזא פאדערונג ניט שטעלען·

עס קומט אויס מאדנע· אבער עס איז א פאקט: פאר א אידישען שטאאט אין טעקסאס· סאוטה אמעריקא· וואלטען די, אמעריקאנער סאציאליסטען· שוין גיכער געקענט קעמפפען· ווי פאר א אידישען שטאאט אין פאלעסטינא· דא וואלטען זיי כאטש געהאט מיט וועמען צו רעדען· וועמען צו שטעלען פאדערונגען. עס איז· זעלבסטפערשטענדליך· נאר א ביישפיעל. קיינער פאדערט ניט טעקסאס· אבער דאך, אויב מען וואלט יא געפאדערט· וואלטען די אידישע ארבייטער געהאט אגרעסערע מעגליכקייט צו קעמפפען פאר טעקסאס, ווי איצט פאר ציון·

קלאטען־קאמפף און ציוניזם קענען ניט זיין פערבונדען·

פר—טס.

„ARBEJDEREN"

אין איינינקייט
איז
אונזער מאכט!

פרייז 10 אוירעס

פראלעטאריער
פון
אלע לענדער
פעראייניגט אייך!

# »דער ארבייטער«

ארויסגעגעבען
פון בונדישען פעראיין אין קאפענהאגען.

קאפענהאגען אין יאנואר 1916. **Nr. 3.** København i Januar 1916.

## פריעדען!

טויזענדער פרישע קברים בעדעקען די שלאכטפעלדער... מענשליכע הרוגים אויף מזרח און מערב, אויף דרום און צפון... הונדערטע טויזענדע, מילאנען מתים... אונגעהויער גרויס, אויף הונדערטער וויארשטען, האט זיך דער בית-עולם פערשפרייט...

די פאבריקס-אויוועס-פערלאשען, די הייזער פערברענט, די פעלדער פערוויסטעט, און די מענשען — וועלכע דער טויט האט נאך געשוינט — פאר קאליקעס געמאכט, אדער זיי פון זייערע אלטע היימען פעריאגט און וואנדערען ווי שאטענס צווישען „אייגענע און פיינד".

ארום זעהט מען נאר רואינען פון אמאליגען לעבען. דער שרעקליכער טויט האט זיינע שווארצע פליעגלען פונאנדערגעשפרייט און מאכט אלץ גרעסער דאס מתים-פעלד, וואו די נייע קרבנות געפינען אין זיינע קברים זייער לעצטען און אייביגען רוהע-פלאץ...

שוין פיעל חדשים ווי ס׳דויערט דאס שרעקליך געגענזייטיגע אויסשלאכטונג פון די קאפיטאליסטישע שקלאפען; שוין פיעל חדשים דויערט זייער פערניכטונגס ארבייט פון דעם אלעם, וואס זיי אליין און זייערע פאטער׳ס און זיידעס האבען אין א משך פון פיעל אונענדליכע ארבייטס-טעג און שלאפלאזע נעכט געשאפען...

מיר האבען באהנען געבויט, בערג דורכגעלעכערט, וואסערען אבגעשטעלט, מיר האבען פאר אונזערע הערען שיינע פאלאצען און הייזער געבויט. מיר האבען די מענשהייט פליגלען געגעבען און זיי הויבען זיך צום הימעל, נאך העכער ווי דער פויגעל. מיר האבען אלעס געשאפען, אונגלויבליכעס געשאפען, אונמעגליכעס פאר מעגליך געמאכט.

נאר איינס, דעם האמער, וועלכער זאל צוברעכען די קייטען וואס בינדען אונז האבען מיר צושמידען פערגעסען, און געבינדען און געקאוועט זענען מיר; פאר אונז האט מען קיין מורה ניט; מען פוצט אונז אויס אין מיליטערישע מונדירען, אין אונזערע הענד גיט מען ביקסען און שווערדען כדי מיר זאלען דעם טויט פערזייהען אין וועלכען מיר שטארבען אליין. פאר וואס? פאר ווען? מיר דארפען קיין דארדאנעלען און גאליציען ניט. אויך אונזערע דייטשע חברים ברויכען ניט בעלגיען אדער פראנצויזישע קאלאניעס. די אינטערנאציאנאלע ארבייטער-וועלט נויטיגט זיך ניט אין קיין שום פרעמדע לענדער, ניין! — זיי זענען אבער אונזערע רייכע הערען נויטיג, ווייל זיי ווילען דורך אונזער בלוט און לעבען זייערע רייכע געלד-זעק נאך רייכער מאכען.

מיר זענען שטאלץ געווען דערמיט וואס מיר האבען געמיינט, אז מיר זענען שוין א מאכט און גערעכענט אז אט קומט שוין דער גרויסער טאג, דער טאג פון א נייע וועלט, א בעסערע, א וועלט אהן קייטען און אהן שקלאפען!.. דער טאג איז געקומען, ווי א נעבעל זעהט אויס אנזער מאכט, אנזערע רייהען זענען זיך פונאנדערגעפאלען און עס איז פאראליזירט געווארען דער אינטערנאציאנאל.

מיר הרג׳ענען אונזערע ברידער און חברים אוועק צוליע׳ב דעם ווילען פון אונזערע פיינד! — צוליעב דעם ווילען, וואס האלט אונז שטענדיג אין שפאן פון דעם שווערען לאסט-וואגען. אהן אונטערשיעד וועמעס ארמעע ס׳זאל ניט שטארקער זיין, מעגען הינדענבורגס גבירות אויף די שלאכט-פעלדער נאך גרעסער זיין — דאס קאפיטאל געווינט איבעראל די אויבערהאנד, איבעראל טרומפיערט ער דעם זיעג איבער זיינע פיינד — דעם פראלעטאריאט. אומעטום איז די פרוכט פון די מיט מענשען-בלוט דורכגעווייקטע ערד — די אלגעמיינע וועלט-רעאקציאן.

מיר ברויכען ניט קיין קריג. מיר ווילען ניט מעהר קיין בלוט און ליידען, פריעדען ווילען מיר! פריעדען פאדערען מיר! פאר דעם פריעדען וועלען מיר קעמפען!

מיר וועלען אונזערע צוריסענע רייהען פעסטער צוזאמענשליסען און הויך וועלען מיר אונזער פאהן אויפהייבען, די רויטע פאהן פון סאציאליזם, וואס איז פון קליינ-קעפיגע, און שוואכ-מוטיגע אין שמוץ מיט די פיס געטרעטען געווארען.

אין געשלאסענע רייהען וועלען די פראלעטאריער פון אלע לענדער דעם קאמפף אויפנעהמען, דעם אונערמידליך און ענטגילטיגען קאמפף געגען די הערשענדע קליקען, וועלכע הערשען איבער די וועלט. דאס וועט אונזער קריג זיין, דער קריג פון דעם ארבייטער אינטערנאציאנאל און די פרוכט פון דעם זיעג וועלען מיר טראגען. און ניט היינט איז מארגען, אדער איבערמארגען — אונזער טאג וועט מוזען קומען.

די רויט בלישטשענדע שטערענדלעך וועלכע רייסען זיך אין דעם שווארץ פערכמארעטען הימעל אריין, זאגען אן פון א נייעם גרויסען טאג...

---

## געלד-רעכנונג.

(געזאמעלט צום גונסטען פון אונזער צייטונג „דער ארבייטער").

פ. פוקס, מ. מאירסאן, א. בראון, ס. חאלעווא, מ. חמילעוויטש, ס. פוקס, ב. קאנטאראוויטש, .G. T, חנה, .W מילשטיין, קאס,
צו 50 אוירעס — ס"ה. 6.00 קר.

Kolewa, ס. גערשאנאוו, קלאפמאן, לאמאניץ, סאכאדעקעל,
פאגעלסאן צו 1 קר. — ס"ה. 6.00 קר.

לייבעשיץ, ש. שימאנאוויטש, וויינגארטען, ווילאט, ראזענבערג בראנמאן, בינדער, Schulz צו 25 אוירעס — ס"ה. 200 קר.
אברזאמאוויש 30 אוירעס.

ב. קאגאן, גלאז, אלעקסאנדער, ג. לעווין, אריצקי, אנאנס, דר. גאלדבערג, יואל, פרוי גראסמאן, צו 2 קראנער. ס"ה. 18.
דר. בערנשטיין 500. ביי רוסישע אינטעלעגענטען 3.85
בסך הכל 41,15.

פאר נויטיג, אהן שום טענות־ומענות אנעקסירען ביד חזקה די „שטריטיגע" לענדער. זיך קימערנדיג וועגען דעם ווילען פון דער בעפעלקערונג ניט מעהר, ווי וועגען פאראיאהריגען שניי. און אויב דער זיגער וועט שוין יע איינוויליגען פארצונעהמען א מין פלעביסציט, איז וואס פאר א פנים וועט ער האבען אונטער דעם מיליטערישען טעראר פון א פרעמדער מאכט? דער רעפערענדום איז אויף אזא אויפ'ן א חלום, מיט וועלכען מען נארט ז'ך און אנדערע אפשר אין גאנץ אויסשליסליכע פאלען קען דער רעפערענדום יע האבען א וועלכע ניט איז מעשות, אבער פון די דאזיגע טעארעטיש מעגליכע זעלטענע אויסנאהמען קען מען ניט מאכען א כלל.

די סאציאלדעמאקראטיע קען זיך ניט שטעלען אויפ'ן אוטאפישען שטאנדפונקט וועגען פעריכטען היסטארישע אונגערעכטיגקייטען אונזער ציעל איז גאר ניט צו „בעפרייען" די נאציאנען אינ'ם זין פון „פאלענדען די נאציאנאלע פעראייניגונג." מיר האלטען איבערהויפט ניט, אז דער קריעג זאל איצט זיין א מיטעל ווענען עס איז צו בעפרייען מיר מיינען, אז די פאלק־סמאסען אין די „שטריטיגע" לענדער זעהען גאר ניט זייער ישועה אין דעם, מען זאל זיי ארויסנעהמען פון איין מלוכה און ארייננווארפען אין אנ'אנדערע. דאס וואס זייערע בעדערפנישען פאדערען, איז א ברייטע נאציאנאלע אויטאנאמיע, וואס זאל זיי געבען די מעגליכקייט זיך פריי צו ענטוויקלען אין דער מלוכה, וואו זיי געפונען זיך, און מעהר פערלאנגען זיי ניט. צו אזא אויטאנאמיע פיהרט דער וועג פון אינערליכען דעמאקראטישען קאמפף, אבער ניט אנעקסיאנס־אפעראציעס.

די אויפגאבע, וועלכע עס שטעהט איצט פאר דער סאציאל־דעמאקראטיע, איז ווירקען, **דער פריעדען זאל זיין געבויט אויף וואס בעסערע יסודות, א דויערענדער פריעדען** — אט אין וואס עס נויטיגט זיך איצט די אינטערנאציאנאלע ארבייטער־בעוועגונג. פון דעם שטאנדפונקט מוז זי זיך ענטשלאסען ארויסזאגען **געגען וועלכע ניט איז אנעקסיעס**, ווארום יעדע אנעקסיע פלאנצט איין די אידעע פון רעוואנש. לאזט איבער דעם פעסטען בעשלוס צוריקצובעקומען דאס, וואס מען האט מיט געוואלד אבגענומען, פיהרט צו נייע בעוואפענונגען און טראגט אין זיך דעם זאמען פון קינפטיגע מלחמות.

מען דארף אונז ניט שלעכט פערשטעהן. קיין צונייגונג צו דעם סטאטו־קווא פיהלען מיר ניט. קיין אבשיי צו דער וועלט־קארטע האבען מיר ניט און די עקזיסטירענדע מלוכה־גרענעצען האלטען מיר ניט פאר הייליג, מען זאל זיי גיט קענען אנריהרען: מיר זענען נור געגען אזעלכע אומענדערונגען אין דער קארטע, וועלכע ווערען געמאכט דורך געוואלט, וועלכע טראגען א חאראקטער פון ערובערונגען, פון אנעקסיעס. נאר ווען דער קריעג זאל ברענגען דערצו אז די בעפעלקערונג פון א וועלכער ניט איז „שטרייטיגער" טערריטאריע וועט ארויסשטעלען, אהן א שום אויסערליכען צוואנג, די בעדינגונג, מען זאל יהר לאזען פריי צו בעשליעסען, ווי זי זאל זיך אין מלוכה'יש־רעכטליכען הינזיכט אויף ווייטער איינארדענען, וועט אזא פערלאנג פאלקאם ענטשפרעכען די פרינציפען פון דעמאקראטי און אויב ער וועט דורכגעפיהרט ווערען, וועט, דורכגעפיהרט ווערען, וועט קיין אויפריכטיגער דעמאקראט געגען דעם גארנישט ניט האבען, אדרבה ער וועט עס בעטראכטען אלס א נצחון פון פראגרעס און אלס א גאראנטיע פון שלום.

איב א געוויסע בעפעלקערונג וועט אויף אזא ארט פערווירקליכען איהר זעלבסט בעשטימונגס־רעכט, וועט זיך דאס בעקומען אלס אנ'אביעקטיווער **רעזולטאט** פון דער מלחמה, אבער אלס א **ציעל** שטעלען מיר זיך **ניט** אזוינע מיני בעפרייאונגס־אקטען.

**אונזער ציעל** איז נור זעהען, די מלחמה זאל זיך וואס גיכער ענדיגען און עס זאל געשלאסען ווערען א **דויערענדער פרידען אהן אנעקסיעס**. דאס איז די פרידענס פארמול, אויף וועלכער עס קענען זיך פעראייניגען אלע סאציאליסטישע פארטייען. ווען צו יענער צייט, ווען עס וועלען געלעגט ווערען די יסודות פון פריעדען צווישען די פעלקער, וועט דער אינטערנאציאנאל ארויסטרעטען אלס א געשלאסענע איינהייט געגען דער קאפיטאליסטישער וועלט, וועט דאס האבען די גרעסטע בעדייטונג פאר דעם ווייטערדיגען גורל פון דער ארבייטער־בעוועגונג, גאנץ אונאבהענגיג פון דעם, וואס פאר א פראקטישען איינפלוס עס וועלען האבען די פרידענס־פאדערונגען פון דער סאציאל־דעמאקראטיע ביי די פרידענס־פערהאנדלונגען.

" " "

דא ניט לאנג, אויף דער אינטערנאציאנאלער סאציאליסטישער קאנפערענץ אין שווייץ (אין צימערוואלד, דעם 5—8־טען סעפטעמבער) איז געמאכט געווארען א נייע פראבע צונויפצובינדען די אי־בערגעריסענע אינטערנאציאנאלע פעדים. די פראבע האט געהאט מעהר ערפאלג, איידער אין לוגאנא און קאפענהאגען. וואס עס וועט מיט דער צייט ארויסקומען פון דער צימערוואלדער אויפטהו, איז, פערשטעהט זיך, איצט שווער פאראויסצוזעהן. דער אויפטהו האט פאזיטיווע און אויך ניט ווייניג נעגאטיווע זייטען, ער טראגט אין זיך א געפאהר פון צושפאלטונג אינ'ם אינטערנאציאנאל, וואס דאס וואלט געווען דער גרעסטער אונגליק, וואס קען פאסירען דער אינטערנאציאנאלער ארבייטער־בעוועגונג. כדי ניט סוף כל סוף ענטטוישט צו ווערען, דארף מען ניט איבערטרייבען די בעדייטונג פון דער צימערוואלדער קאנפערענץ, מען דארף זעהען אין איהר בלויז דאס, וואס זי איז: א שריט אויפן וועג צום בענייען דעם אינטערנאציאנאל, א שריט, וואס מוז האבען ביי היינטיגע בעדינגונגען אי מעלות אי חסרונות, נאר פארט א שריט.

ווי אבער דער צימערוואלדער אויפטהו זאל זיך ניט ענדיגען איין פערדינסט האט ער געוויס: א דאנק איהם זענען זיך צונויפגעקומען אויף איין בעראטונג פארשטעהער פון דייטשען און פראנצויזישען פראלעטאריאט און האבען זיך ברידערלעך דערלאנגט די הענד. דאס מוז איבערלאזען א ריס אין דער שעדליכער פסיכאלאגיע, וועגען וועלכער מיר האבען אויבען גערעדט, און דאס איז דאס וויכטיגסטע אין איצטיגען מאמענט.

**וול. קאסאווסקי.**

---

תקון־טעות: אין לייט ארטיקעל די 4 שורה פון אונטען, פעהלט: ניין! זיין היימאט מוז גרעסער, אונענדליך גרויס זיין! די גאנצע מוז דאס זיין!

---

מיט אלע אנגעלעגענהייטען פון בונדישען פעראיין ווי אויך פון דער צייטונג, בעטען מיר זיך ווענדען צום סעקרעטאר פון פעראיין
J. Posztarik, Skyttegade 14, 1 Sal.

אין די אידעאלאגיע פון די ארבייטער־קאלעקטיוון.

ווי אונזיניג עס איז צו מאכען דאס רעפארמירען פון דער אידעאלאגיע פאר א נויטווענדיגען בעדינג פונ׳ם אויפשטעלען דעם אינטערנאציאנאל, ווייזט זיך ארויס נאך קלארער, ווען מען שטעלט די פראגע: אויף וואס פאר א אידעאישען יסוד איז ווינשענסווערט אוועקצושטעלען די פעראייניגונג? אויף די פראגען קענען קיין קלארען ענטפער ניט געבען אפילו די וואס האלטען זיך פאר די איינציגע צדדים אינ׳ם אינטערנאציאנאל און גרויסען זיך, אז זיי האבען קיין מאל ניט בעגאנגען קיין חלול השם. אין דער צייט ווען די גאנצע סאציאליסטישער וועלט איז, לויט זייער מיינונג, אריינגעפאלען אין »סאציאל־שאוויניזם«.

וואס ענטפערען די דאזיגע צדדים? זיי זאגען, אז מען דארף פעראייניגען צווישען זיך די „סאציאל־דעמאקראטען־אינטערנאציאנאליסטען”. אז דער ענטפער גיט קיין שום אידעאישע מאס ניט, איז קלאר פון זיך אליין, ווארים אין דעם בעגריף סאציאלדעמאקראטיזם געהט דאך שוין ממילא אריין די אידעע פון אינטערנאציאנאליזם.

פאר וואס די חברים ריקען אוצט ארויס אזא אינהאלטס־לאזע פארמול, איז ניט שווער צו פערשטעהען. פאר׳ן קריעג האבען זי געטענה׳ט, אז מען דארף ארויסווארפען פון אינטערנאציאנאל די „אפארטוניסטען”. דער קריג האט אבער אזוי צומישט די קארטען אז צווישען די סאציאליסטען, וואס פערנעהמען א ריכטיגע שטעלונג צו איהם, געפינען מיר אי „אפארטוניסטען” אי „ראדיקאלע”, און פערקעהרט: צווישען די אנהיינגער פון פאלשען שטאנדפונקט געפינען זיך אויך ביידע מינים. די טיילונג אויף „כשר”ע און ניט „כשר”ע סאציאל־דעמאקראטען פאלט שוין ניט צונויף מיט דער אידעאישער ליניע, וואס שיידט פונאנדער דעם „אפארטוניזם” און „ראדיקאליזם”.

פון דעם איז געדרינגען, אז דעם קריטעריאום אויף אויפצושטעלען דעם אינטערנאציאנאל קען מען ניט זוכען אין דער אידעאלאגיע. די פראבע צו בילדען דעם אינטערנאציאנאל פון „סאציאל־דעמאקראטען־אינטערנאציאנאליסטען” בעדייט, אז מען וויל צונויפנעהמען פון אלע סאציאליסטישע פארטייען די עלעמענטען, וואס געפינען זיך אין אפאזיציאן און פון זיי צוזאמענשטעלען א נייע אינטערנאציאנאלע פעראייניגונג, א „דריטען” אינטערנאציאנאל. אויף אזא אופן וואלט מען בעקומען בלויז א סעקטע, א קאריקאטור פון אינטערנאציאנאל, אהן שום איינפלוס און בעדייטונג.

א אינטערנאציאנאל, ד״ה. א פעראייניגונג, וואס זאל אויסדריקען די אינטערעסען, די שטרעבונגען און דעם ווילען פון אלוועלטליכען פראלעטאריאט קען מען ניט צונויפשטעלען פון איינצעלנע פארטיי־שטיקער אדער איינצעלנע ארויסגעכאפטע פערזאנען, ווי גוט און פרום זיי זאלען ניט זיין. דער מעטאדע פון צושפאלטען טויג לחלוטין ניט. מעהר ווי צו פערוויסטונג פון די סאציאליסטישע קרעפטען קען ער ניט בריינגען.

דעם אינטערנאציאנאל קען מען אויפשטעלען מעהר ניט ווי פון די זעלבע עלעמענטען, פון וועלכע ער איז ביז אהער בעשטאנען: פון די אלטע פארטייען, פון די היסטאריש־אויסגעוואקסענע ארבייטער־קאלעקטיוון, וועלכע האבען זיך ענטוויקעלט פון די ארבייטער־מאסען, זענען מיט זיי גרויס געווארען, דורכגעגאנגען מיט זיי דעם שטיינערנעם וועג פון בלוטיגען קאמפף און האבען זיך מיט זיי צונויפגעגאסען. זיי זענען בעגאנגען פעהלערן, וואס זענען גאנץ נאטירליך אין דער שווערסטער לאגע, אין וועלכע די היסטאריע האט זיי אוועק געשטעלט. די ווייטערדיגע ארבייטער־בעוועגונג וועט אויסגלייכען די ליניע פון זייער אויפפיהרונג, זיי ליידען אויף א אינערען קאמפף, יעד רטיי וועט איהם דורכלעבען פאר זיך און אויף איהר אייגענעם שטייגער. אויף אזא אופן וועלען מיר בעקומען ניט א „דריטען” אינטערנאציאנאל, אין וועלכען עס נויטיגט זיך נור א הייפעל סעקטאנטען, נאר דעם זעלבען צווייטען אינטערנאציאנאל, וואס איז בלויז צייטווייליג געלעהמט געווארען.

## II.

די אויפגאבע, מיט וועלכער עס וועט זיך דארפען פערנעהמען דער אויפגעשטעלטער אינטערנאציאנאל, איז — ארגאניזירען די אגיטאציע פאר פרידען. וועגען קאנקרעטע פרידענס־בעדינגונגען האט קיין זין ניט איצט צו ברעכען זיך דעם קאפ. איינס איז אבער קלאר: די בעדינגונגען דארפען זיין אזעלכע, אז זיי זאלען גאראנטירען א שלום, וואס זאל זיין וואס פעסטער און וואס לענגער אנהאלטען. דאס דארף זיין אונזער קריטעריאום אין דער פראגע.

עס זענען דא ניט ווייניג סאציאל־דעמאקראטען, וואס האלטען, אז אין דער איצטיגער מלחמה דארף ענטשידען ווערען דער גורל פון די אזוי גערופענע „היסטאריש שטריטיגע לענדער”. זיי מיינען אז אונזער ציעל דארף זיין — העלפען די פעלקער, וואס זענען נאך געבליבען צוטיילט צווישען פערשידענע מלוכות, צו דערפיהרען ביזן סוף זייער נאציאנאלע פעראייניגונג, דעריבער דארפען מיר שטרעבען די פעלקער פון די „שטריטיגע” לענדער זאלען בעקומען די מעגליכקייט זיך פריי ארויסצוזאגען דורך א דעמאקראטיש ארגאניזירטען רעפערענדום, צו וועלכען מלוכה־ארגאניזם זיי ווילען אנגעהערען אדער בכלל ווי זיי ווילען זיך שטאאטס־רעכטליך איינארדנען. דאס איז א אילוזיע, וואס האט אונטער זיך קיין שום באדען ניט. וועלען מיר זיך אבער שטעלען אזא אילוזארישע אויפגאבע, קען דאס האבען די שעדליכע ווירקונג, אז די סאציאליסטישע פארטייען פון די קעמפפענדע צדדים וועלען קיינמאל ניט קענען צווישען זיך מושוה ווערען בנוגע צו די פרידענס־בעדינגונגען.

קודם כל איז דער בעגריף „היסטאריש שטריטיגע לענדער” אנ־אונבעשטימטער, א פערשוואומענער. „שטריטיגע” פרעמד־שפראכיגע טעריטאריעס וועט איהר געפינען אומעטום, וו. הר זאלט זיך ניט געבען א קעהר: אינ׳ם צוויי־בונד, ביים דריי־אבמאך, אין די נייטראלע לענדער און עס פערשטעהט זיך פאר וואס: ווייל אלע מלוכות האבען זיך היסטאריש אויסגעבילדעט דורך געוואלט, דורך רויבעריי, דורך אברייסען שטיקער נאציאנעלע טעריטאריעס פון איין מדינה און צושטוקעווען צו אנ׳אנדערער.

דעריבער, וויל מען זיך פערנעהמען מיט׳ן לעזען די פראגע וועגען „שטריטיגע” לענדער, מוז מען צוטרעטען צו א ראדיקאלער אפעראציע: מען מוז ערקלערען א גענעראלע מאביליזאציע פון טעריטאריעס אין אלוועלטליכען מאסשטאב, שניידען, פערטלען און פיצלען די קארטע פון אויראפא און אפילו פון דער גאנצער וועלט, און מיט דער ארבייט, ווען זי זאל זיין מעגליך, וועט מען קיין מאל ניט פארטיג ווערען, און מען וואלט ארויסגערופען אנ׳אונענדליכע רייהע פון נייע מלחמות.

ווייטער דער רעפערענדום, געוויס אגוטער, דעמאקראטישער מיטעל, צו האט ער אבער א האפט ביי די איצטיגע פערהעלטנישען? יעדער פון אונז פערשטעהט גאנץ גוט, אז אויב א וועלכע ניט איז קאאליציע וועט זיגען, וועט זי; אויב זי וועט עס קענען און געפונען

לען פריעדען, וואס זאל קיין פאלק און קיין נאציאן פערגוואלטיגען, און מיר טוהן קיין מאל ניט צו שטימען צו די עראבערונג'ס פלענער פון אונזערע רעגירונגען, וועלכע טראגען אין זיך אונפערמיידלעך די זאמען פון נייע קריגען, אז מיר ארבייטען יעדער אין זיין לאנד פאר אפריעדען וועלכע זאל דעם געזייהעטען האס צווישען די פעלקער אויסווארצלען, און שאפען דעם צוזאמענבונד צו ווייטערדיגע געמיינזאמע ארבייט.

אזא פרידען איז נאך אינזער טיפסטען איבערצייגונג נאר מעגליך צוערייכען ביי אפאלשטענדיגען ענטזאגען זיך פון פערגוואלטיגען די פעלקער, די בעזעצונג פון גאנצע לענדער. אדער טיילען דארף ניט פיהרען צו אגוואלטזאמען צוזאמענבינד. קיין אנעקסיאן ניט קיין אפענע אויך ניט קיין מאסקירטע, אויך קיין ווירטשאפטליכע צוזאמענג לידערונג וואס ווערט נאך אונערטרעגליכער דארך די בערויבונג פון איהרע פאליטישע רעכט. דאס זעלבסט־בעשטימונגס רעכט פון די פעלקער מוז אונבעדינגט געאכטעט ווערען מיר נעמען אויף אונז די אויסדריקליכע פליכט, יעדער אין זיין לאנד צו ווירקען אונערמידלעך אין דעם זין כדי די פרידענס בעוועגונג זאל ווערען גענוג שטארק, צו צווינגען אונזערע רעגירונגען צו ענדיגען די שחיטות, אזוי ווי מיר טוען זיך ענטזאגען פון בורג פרידען, אזוי ווי מיר בלייבען טריי דעם קלאסען קאמף, וועלכע בילדעט צו גרונדלאגע פאר אויפריכטונג דעם סאציאליסטישען אונטערנאציאנאל שטייען מיר דייטשע פראנצויזישע סאציאליסטען אין געווערק שאפטען, פעסט אין קאמף געגען די מוירעדיגע סיטואציאן, אין פארדאס ענדיגען די פעלקער מערדעריי וועלכע בערויבט די מענשענהייט.

פאר די דייטשע אנטיילנעמער, אדאלף האפמאן, געארג לעדערבאור
פאר די פראנצויזישע אנטיילנעמער, א. מעררהיים א. באורדערון.

---

די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנפערענץ אין צימערוואלד, דריקט אויס איהר טיפסטען מיטגעפיהל די גרויסע צאהל קרבנות פון קריג, פון דעם פוילישען, אין בעלגישען פאלק, דאס פערפאלגטע יודישע א'ן ארמענישע פאלק, די מיליאנען מענשליכע נשמת וואס קוועלען זיך אין אונאויפהערליכע ליידען, וואס און לאזען איבער זיך בעגיין אונערהערטע געוואלטאטען...

---

# צו דער פראגע וועגען אויפשטעלען דעם אינטערנאציאנאל

די פראגע וועגען אויפשטעלען דעם אינטערנאציאנאל בעשעפטיגט שוין פון לאנג אן די סאציאליסטען פון די לענדער, וואס זענען נאך געבליבען נייטראל אין דער איצטיגער מלחמה. די פראגע איז געשטאנען אויף די סאציאליסטישע בעראטונגען אין לוגאנא און קאפענהאגען. אויפצוטהאן וואס ניט איז ממשות'דיגעס אין דעם ענין האט זיך זיי אבער ניט איינגעגעבען. די סבה איז קלאר: דער בעסטער ווילען פון די נייטראלע איז מאכטלאז דארטען, וואו אלץ ווענדט זיך קודם כל פון די סאציאליסטען, וואס געהערען צו די קעמפפענדע צדדים. כל זמן אט די סאציאליסטען ווייזען ניט ארויס קיין חשק צו געבען זיך די הענד איבער דעם גרעניץ, וואס טיילט אב די קריעגס־קאאליציעס, וועט דער וואגען פונ'ם אינטערנאציאנאל זיך ניט ריהרען פון פלעק.

אויפ'ן וועג צום אויפשטעלען דעם אינטערנאציאנאל זענען אנגעווארפען פיעל שטיינער, איינעם פון זיי, לכל הפכות, און ווייט ניט דעם קלענסטען, זענען מיר אימשטאנד אבצוראמען. דאס איז די ספעציפישע פסיכאלאגיע, וואס האט זיך אויסגעארבייט פאר דער צייט פון דער מלחמה. צווישען די סאציאליסטען פון די לענדער, וואס געהער'ן צו די קעמפפענדע קאאליציעס, איז אויסגעוואקסען א וואנט פון מורא'דיגען אונצוטרוי, וואס שטערט זיי צו דערלאנגען זיך די הענד. מיר מוזען איהר זעהען דורכברעכען. כדי דאס צו דערגרייכען, דארפען מיר קלאר מאכען די ארבייטער דעם פשוט'ן געדאנק, אז דער איינציגער מיטעל ארויסצושלעפען דעם אינטערנאציאנאל פון דעם זומפ, אין וועלכען ער ליגט, איז קודם כל אוועקזעצען די דייטשע און פראנצויזישע סאציאליסטען ביי איין טיש און נויטען זיי געמיינזאם צו בעקלערען די לאגע.

מען זאגט, אז דאס איז אנ־אונמעגליכע זאך, ווייל זיי ווילען ניט רעדען איינער מיט די אנדערע. די טענה איז א פאלשע. א היסטארישער ביישפיעל וועט העלפען קלאר צו מאכען אונזער געדאנק.

אין די זיבעציגער און אכציגער יאהרען פון פאריגען יאהרהונדערט, האט די עסטרייכישע ארבייטער־בעוועגונג געליטען אויף א טיעפער צושפאלטונג. דיביידע פראקציעס פון דער סאציאל־דעמאקראטיע — „ראדיקאלע" און „מעסיגע", ווי זיי האבען זיך גערופען — זינען געוועזען ווילד־פרײַמד איינע דער אנדערער און האבען זיך טראקטירט מיט די שענדליכסטע זלזולים, ווי סאציאל־רויבער פאליציי־סאציאליסטען וכדומה. פונדעסטוועגען, אז די אויסערליכע בעדינגונגען האבען זיך געענדערט און די פעראייניגונג איז געווארען א זאך, אהן וועלכער מען האט זיך ניט געקענט ריהרען פון ארט, האבען זיך די „ראדיקאלע" און מעסיגע" אוועקגעזעצט ביי איין טיש און געמאכט שלום. פערשטעהט זיך, אז א לאנגע צייט פריהער האט זיך געפיהרט אנ'אגיטאציע פאר פעראייניגונג. מיר קענען פון דעם אראב נעהמען א מוסר. מיר דארפען איצט זיך פערנעהמען מיט'ן צוגרייטען די מחות, און דאן קענען מיר זיין זיכער, אז ווען די צייט וועט קומען, וועלען מיר געפינען די פראנצויזישע און די דייטשע חברים ביי איין טיש. וועלען מיר אבער די פארברייטונגס־ארבייט פערנאכלעסיגען, דאן קען געמאלט זיין, אז מיר זאלען פערפאסען דעם גינסטיגען מאמענט פאר פעראייניגונג.

מען זאגט ווייטער: כדי אויפצושטעלען דעם אינטערנאציאנאל, איז ווייניג פארטיג צו ווערען מי'ט דער שעדליכער פסיכאלאגיע. פיעל וויכטיגער איז אבצוראמען די נאך שעדליכערע אידעאלאגיע וואס איז בעשאפען געווארען א דאנק דעם קריעג. די טענה איז נאך א פיעל פאלשערע, ווי די ערשטע.

אלע סאציאליסטישע פארטייען האבען געזינדיגט. אומעדום האבען זיך אויסגעבילדעט אילוזיעס, פאלשע פארשטעלונגען, אידעען, וועלכע מיר האלטען פאר שעדליך. אבער מיינען, אז מען קען זיי בעזייטיגען מיט דרשות, און צוטרעטען צו דער פעראייניגונג בלויז נאך נאכדעם, ווי די מחות וועלען אויסגעלייטערט ווערען, איז נאאיוו און קינדיש. געוויס דארף מען אויפדעקען די בעגאנגענע פעהלערען און זעהען אויסצוגלייכען דאס סאציאליסטישע בעוואוסטזיין דאס איז א נויטווענדיגע אידעאישע ארבייט, וואס טאר זיך אויף א מינוט ניט אבשטעלען. אבער מען דארף ניט פערגעסען, אז דער בעסטער, שארפסטער און ווירקזאמסטער קריטיקער איז פארט די ערפאהרונג, די געזעלשאפטליכע ענטוויקלונג, בעזונדערס ווען עס האנדעלט זיך וועגען געזעלשאפטליכע קאלעקטיוועז, צו וועלכע עס געהערען פארטייען, די אייזערנע לאגיק פון די אומשטענדען, פון די ווייטערדיגע פאסירונגען וועט ארייכטראגען דעם נויטיגע קארעקטיוו

און צוקונפט, די פעראנטווארטליכקייט פון דער קריג זיינע ציעלען און מעטאדען איבער גענומען, אזוי ווידי אייגצעלנע פארטייען, אזוי אויך ווי די אונגעזעהענסטע סאציאליסטישע פערטרעטער פון אלע לענדער האבען זיך אבגעזאגט פון צוזאמען רופען דעם אינטערנאציאנאל.

די טאקטיק איז אויך איינס פון די אורזאכען וועלכע האבען דעם אינטערנאציאנאלען ארבייטער קלאס, ניט געגעבען די מעגליכקייטען זיך צו בעפרייען פון דעם נאציאנאלען פאניק, פון ערשטען קריגס פריעדען, און אפילו נאך יעצט אין צווייטען יאהר, פון דעם פעלקער־מארד, האט זי ניט געפינען קיין וועג, און מיטעל כדי גלייכצייטיג צופיהרען דעם ענערגישען קאמף פאר פריעדען אין אלע לענדער.

אין דער אונערטרעגליכע לאגע האבען מיר די פערטרעטער פון די סאציאליסטישע פארטייען, אין געווערק־שאפטען און איהרע מינדערהייטען, מיר דייטשען, פראנצויזען, איטאליענער, רוסען פאליאקען, לעטען, רומעניער, בולגארען, שוועדען, נארוועגער, האלענדער און שווייצאריער, מיר וועלכע שטעהען ניט אויף דעם באדען פון דעם נאציאנאלען סאלידאריטעט מיט די הערשענדע קלאסען, נאר אויף דעם באדען פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטארישען קלאסען קאמפף, האבען זיך צוזאמענגענומען כדי די צוריסענע פעדים פון די אינטערנאציאנאלע בעציאגער אויפסניי צוזאמען צוקניפען אין דעם ארבייטערקלאס צו אויפוואכונג און צום קאמף פאר דעם פריעדען צו רופען.

דער דאזיגער קאמפף איז דער קאמפף פאר פרייהייט, פאר פעלקער פערברידערונג און סאציאליזם. דער פריעדען פאר וועלכען מיר קעמפען איז א פריעדען, אהן אנעקסיאן און קריעגסקאנטריבוציע אזא פריעדען איז אבער מעגליך ויען ס'וועט פערווארפען ווערען יעדער געדאנק פון מיט'ס גוואלד די רעכטען און פרייהייט פון די פעלקער אונטערדריקען... מיט'ס גוואלד פון בעזעצען גאנצע לענדער אדער טיילען פון איהר זאל ניט פארקומען.

קיינע אנעקסיאן אפענע צו מאסקירטע, אויך קיין שום צוואנגס מיטעל אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביט, אדער פאליטישע בעשרענקונג. דאס זעלבסט בעשטימונג פון אלע פעלקער מוז זיין דער געמיינזאמער גרונדגעזעץ, אין דער ארדנונג פון דער נאציאנאלער פערהעלטניסען.

**פראלעטאריער!** זייט דער קריגס אויסברוך האט איהר אייער ענערגיע, אייער מוסה, אייער געדולד, אינ'ם דינסט פון די פערשיעדענע קלאסען געשטעלט. נון, יעצט קומט עס, פאר דער אייגענער זאך פאר דעם הייליגען ציעל פון סאציאליזם, פאר די ערלייזונג פון די אונטערדריקטע פעלקער ווידער אויפצונעהמען דעם פראלעטארישען קאמפף. די פליכט און אויפגאבען פון די סאציאליסטען פון די קריגס לענדער איז דעם קאמפף מיט פולער ענערגי אויפצונעמען, די אויפגאבע פון די סאציאליסטען אין די נייטראלע איז, איהרע ברידער אין דעם קאמפף געגען דעם בלוטיגען בארבאריזם מיט אלע כוחות און מיטלען אונטערשטיצען.

נאך קיינמאל איז ניט געוועז אין דער וועלט־געשיכטע קיין דרינגענדערע, העכערע און ערהאבענע אויפגאבע ווי ערפיהלען אונזער געמיינזאמע זאך. קיין קרבן זאל ניט זיין צושייער, קיין שום לאסט צו שווער, כדי דעם ציעל פון פריעדען צווישען די פעלקער צו עררייכען.

ארבייטער און ארבייטערינען, מוטערס און פאטערס, אלמנות און יתומים, פערווינדעטע און פערקריפעלטע, איהר אלע וועלכע ליידט פון קריעג און דורך דעם קריעג, רופען מיר איבער די גרעניצען און זידענדע שלאכט־פעלדער, איבער די צושטערטע שטעדט און דערפער **פראלעטאריער אלע לענדער פעראייניגט אייך!**

צימערוואלד (שווייץ) סעפטעמבער 1915.

## די געמיינזאמע ערקלערונג פון דייטשע און פראנצויזישע דעלעגאטען צו דער אינטערנאצ. קאנפערענץ

אין צימערוואלד (שווייץ) פון 5 ביז 8 סעפטעמבער 1915.

נאך איאהר פון דער יעצטיגער שרעקליכער קריג, האט דער אימפעראליזם זיין גאנצען נאקעטען געשטאלט ארויסגעוויזען, דאס בעווייזט אז די אורזאכען ליגען אין דער אימפעראליסטישע אין קאלינאל פאליטיק פון אלע רעגירונגען, וועלכע טראגען די פעראנטווארטליכקייט פאר די יעצטיגע שרעקליכע בלוט פערגיסונגען, דארך דער ערקלערונג פון בורג פריעדען אין אלע לענדער, זענען די פאלק'ס מאסען, דארך די קאפיטאליסטישע אגענטען, ארייגעצויגען געווארען אין דער יעצטיגער קריג, אין וועלכע זיי גלויבען, אז די קריג טראגט א ראסען פערטיידיגונג חאראקטער.

אינטער דעם דרוק פון די ארויסגערופענע געפיהלען ווערט אין יעדען לאנד, אגרויסער טייל פון דער ארגאניזירטע ארבייטער, פון נאציאנאליזים מיטגעריסען, אין די גאנצע צייט הערט ניט אויף די אינטערגעקויפטע קאפיטאליסטישע פרעסע צו בעטאנען, אז די קריג טראגט אבעפרייאונגס חאראקטער, היינט בעצייכענען די שאוויניסטען פון יעדען נאציאן אז דער איינציגער ציהל, פון די קריג איז! די עראבערונג פון גאנצע לענדער אדער טיילען, די פערווירקליכונג פון די בעוואסטזיניגע ציהלען וועט ניט פער. ען אז אי, די נוהנטע צוקונפט וועט זיך ניט ווידערהאלען אזא קריג, אין געגענזאץ צו די פלענער האבען זיך געבילדעט, אין אלע נאציאנען אנטשלאסענע מינדערהייטען, וועלכע בעמיהען זיך אויסצופיהרען די פליכטען, וואס זענען דארך די אינטערנאציאנעלע קאנגרעסען, אין שטוטגארט, אין קאפענהאגען, און אין באזעל, אויף אלע סאציאליסטען פון אלע לענדער ארויפגעלייגט געווארען.

עס איז איהר אויפגאבע היינט נאך מערער ווי אלע מאהל געגען די אלע אנעקסירונגען צו קעמפען, אין צו בעענדיגען די קריג וועלכע האט שוין פעראורזאכט, מיליאנען פון מענשליכע לעבענס, און אצאהלאזע פערקריפעלטע געשאפען, אין אגעדריקטע נויט צווישען די ארבייטער פון אלע לענדער ארייגעברענגט.

דעריבער ערקלערען מיר דייטשע־פראנצויזישע, סאציאליסטען און געווערק שעופטען: די קריג איז ניט אונזער קריג! מיר פעראורטיילען אויף דאס שארפסט די פערלעצונג, די בעלגישע נייטראליטעט. וואס איז פייערלעך פון די קריגס פיהרענדע שטאטען דארך אונטערנאציאנאלע אבמאכונגער פערזיכערט געווארען מיר פאדערען, און וועלען ניט אויפהערען צו פאדערען אז בעלגיען, זיין גאנצע זעלבסטשטענדיגקייט ..ין און אבהענגיקייט זאל ווידער צוריק געשטעלט ווערען.

מיר ערקלערען אז מיר וועלען די ענדע פון קריג דארך אשנע־

# אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנפערענץ אין צימערוואלד (שווייץ)·
# פראלעטאריער פון אייראפא!

שוין מעהר ווי א יאהר ווי ס׳דויערט די קריעג· מיליאנען טויטע בעדעקען די שלאכט־פעלדער, מיליאנען מענשען זענען געווארען קאליקעס אויף זייער גאנצען לעבען· גאנץ אייראפא איז יעצט פערוואנדעלט געווארען אין א שלאכט־הויז· די גאנצע ארבייט פון פ׳על דורות אין קולטורעלען געביעט איז פערוויסט געווארען· די ווילדע בארבאריי פייערט היינט א׳הר טריאומף איבער אלץ וואס די מענשען האבען געשטאלציערט·

וועלכע אורזאכען ס׳זאל ניט זיין דער אמת איבער דער פעראנטווארטליכקייט פון דער יעצטיגער קריעג· איינס איז אבער פעסטגעשטעלט· אז דער קריעג· וועלכער האט דעם יעצטיגען כאאס בעשאפען, איז די פאלגען פון דעם אימפעראליזם, דאס שטרעבען פון די קאפיטאליסטישע קלאסען פון יעדער נאציאן, וואס מעהרער צו פראפעטירען דורך דער עקספלואטאציע פון דער מענשליכער ארבייט· און נאטור אוצרות פון גאנצען ערד־קוגעל.

די ווירטשאפט צוריק געשטאנענע· אדער פאליטיש שוואכע נאציאנען· פאלען דערביי אריין אונטער דער קנעכטשאפט פון די הערשענדע רעגירונגען· וועלכע ווילען אין דער יעצטיגער קריעג די וועלט־קארטע, פאר זייערע עקספלואטאציאנס אינטערעסען· מיט בלוט און אייזען צו ענדערען אזוי דראהט גאנצע פעלקער און לענדער, ווי בעלגיען· פוילען, די באלקאן־שטאטען און רומעניען· דער גורל אלס רויבשטיק אינ׳ם שפיעל פון דער יעצטיגער קאמפיזאציאן, גאנץ אדער טיילוויז צוריסען און אנעקסירט צו ווערען·

די טרייבענדע קרעפטען פון דער קריעג ווייזען זיך אין זייער גאנצע נידערטרעכטיגקייט ארויס, זיי צורייסען דעם שלייער· וועלכער האט פערדונקעלט דעם בעוואוסטזיין פון די פעלקער די אמת׳ע אורזאכען פון די וועלט־קאטאסטראפע·

די קאפיטאליסטען פון אלע לענדער, די וועלכע ווילען פון דעם פערגאסענעם פאלקס־בלוט דאס רויטע גאלד, פון דעם קריעגס־געווינס אין מטבעה׳ס צוגיסען· די מיט דער אויסרייד· אז די קריעג איז צו פערטיידיגען דאס פאטערלאנד און די דעמאקראטיע· און בעפרייען די אונטערדריקטע פעלקער· און פאקטיש און אמת, בעגראבען זיי אין די פערוויסטע שטעדט די פרייהייטען פון דעם אייגענעם פאלק, צוזאמען מיט דער אונאבהענגיקייט פון אנדערע נאציאנען.

געשמיעדט אין נייע קייטען, נייע לאסטען קומען אן· און די פראלעטאריער פון אלע לענדער· ווי די זיגער אזוי אויך די בעזיעגטע וועלען דאס האבען צו טראגען, הייבען דעם וואלשטאנד איז געווען די לאזונג ביים קריעגס־אויסברוך — הונגער און נויט, ארבייטסלאזיגקייט און טייערונג· אט דאס איז די ווירקליכע רעזולטאטען· אויף צעהנדליגער יאהרען ארויס וועלען די קריעגס קאסטען די בעסטע פאלקס־קרעפטען פערצערען, און דאס שטעלט אין געפאהר דעם קאמפף פאר די סאציאלע רעפארמען, ווי אויך שטערט יעדען שריט נאך פארווערטס· קולטורעלע שטילשטאנד, ווירטשאפטליכע אינטערגאנג, אט דאס איז די פרוכט פון דעם פעלקער־קאמפף, אזוי דעקט אויף דער קריעג, דעם נאקעטען געשטאלט פון דעם מאדערנעם קאפיטאליזם, וועלכע איז ניט נאר אין די אינטערעסען פון די ארבייטער מאסען, אויך ניט אין די בעדערפניסען פון דער געשיכטליכער ענטוויקלונג, זאגאר מיט דער עלעמענטארע בעדינגונגען פון דער מענשליכער געמיינשאפט קאנען מיט קיין שום געמיינזאמעס ניט האבען.

די הערשענדע געוואלטען פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפטען, אין וועמענס הענד ס׳ליגט דער גורל פון די פעלקער· די מאנארכישע, ווי אויך די רעפובליקאנישע רעגירונגען, די געהיים־דיפלאמאטי, די שטארקע אונטערנעהמונגס־ארגאניזאציאנען· די בירגערליכע פארטייען· די קאפיטאליסטישע פרעסע, די קירכע — זיי אלע טראגען די גאנצע פעראנטוואטליכקייט פון דעה קריג אויס וועלכען זיי ציהען זייער חיונה און שטארקייט· נאר פאר זייערע אינטערעסען ווערט זי געפיהרט·

## ארבייטער!

אייך אינטערדריקטע רעכטסלאזע, פעראכטעטע — ביים קריגס־אויסברוך, ווען עס גילט אייך אויף דער שלאכטבאנק דעם טויט אנטגעגען צו גיין· רופט מען אייך ברידער און חברים· און יעצט ווען דער מילעטאריזם פערקריפעלט, צוהרג׳עט, ערנידריגט און פערניכט אייך· פאדערען די הערשענדע קליקען פון אייך דעם פרייז פון אייערע קלאסען־אינטערעסען· אייערע ציעלען און אייערע אידיאלען· מיט איינווארט די שקלאווישע הערשאפט אונטער דעם פארם פון בורג פרידען·

מען בערויבט בי אייך אלע מעגליכקייטען· אייערע אנזיכטען און געפיהלען אין שמערץ אויסצודריקען, מען פערווערט אייך אייערע פאדערונגען צו ערהייבען און פערטרעטען, די פרעסע איז דערשטיקט· די פאליטישע רעכטען און פרייהייט, מיט די פיס געטרעטען... — אט אזוי הערשט היינט דער מיליטערישער דיקטאטאר מיט זיין אייזערנער פאוסט·

דער צושטאנד וועלכער דראהט אייראפא און די מענשהייט קאנען מיר און דארפען ניט גלייכגילטיג צוזעהן· צעהנדליגע יאהרען לאנג האט דער סאציאליסטישער פראלעטאריאט געפיהרט דעם קאמף געגען מיליטאריזם· מיט גרויסע זארגען האבען זיך שטענדיג בעשעפטיגט זיינע פערטרעטער אויף די נאציאנאלע און אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען, מיט דער מורא פון די קריגס־געפאהר וועלכע דער אימפעראליזם ברענגט מיט זיך· אין שטוטגארט· אין קאפענהאגען און אין באזעל· האבען שטענדיג די אינטערנאציאנאלע קאנגרעסען דעם וועג געוויזען וועלכע דער פראלעטאריאט האט צו געהען·

די סאציאליסטישע פארטייען און ארבייטער ארגאניזאציעס· פון פערשיעדענע לענדער, וועלכע האבען מיט דעם וועג איינגעשטימט האבען א׳ן דער צייט פון קריעגס־אויסברוך דאס אין אכט ניט גענומען, איהרע פערטרעטער האבען אויפגעפאדערט די ארבייטער· איינצושטעלען דעם קלאסען־קאמף וועלכע איז דאס איינציגע מעגליך־ווירקזאמע מיטעל פאר די בעפרייאונג פון פראלעטאריאט·

זיי האבען די הערשענדע קלאסען דעם קרעדיט פאר די קריגספירונג בעשטעטיגט· זיי האבען זיך אין פערשיידענע דינסטען צו דער רעגירונג געשטעלט, זיי האבען דורך איהרע פרעסע און שלוחים אין די פערשיידענע נייטראלע לענדער זיך געמיהט, זיי צו געווינען פאר זייער רעגירונגס פאליטיק· זיי האבען די רעגירונג סאציאליסטישע מיניסטארען געגעבען· כדי צו זיכערן דעם בורג פריעדען· און דער מיט האבען זיי פאר דעם ארבייטער־קלאס, פאר דער געגענווארט

„ARBEJDEREN“

6 זייטען

פרייז 10 אויריס

פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!

אין איינינקייט איז אונזער מאכט!

# „דער ארבייטער“

ארויסגעגעבען פון בונדישען פעראיין אין קאפענהאגען.

קאפענהאגען אין אקטאבער 1915. — København, i Oktober 1915.

## מען דארף ניט ווארטען..

אין די דעמערונג, וועלכע בעדעקט דעם אייראפעאישען האריזאנט, רייסען זיך ליכט־שטראהלען אריין און ווייזען אויף א זון־אויפגאנג...

און עס איז שוין טאקע די העכסטע צייט, אז דער ארבייטע־קלאס פון אייראפא זאל זיך אויסניכטערען פון דעם טיעפען שלאף אין וועלכען ער איז געווען פערזונקען אין משך פון דער מלחמה־אויסברוך און זיך דערמאנען אין זיין היסטארישע אויפגאבע.

און סימפטאמען פון זיין ערוואכונג זענען שוין דא.

צייט עס האט אויסגעבראכען די מלחמה פון ברידער־מארד זענען זיך צום ערשטען מאל צוזאמענגעקומען סאציאליסטישע ארבייטער־פערטרעטער פון פערשיעדענע קריגס־פיהרענדע לענדער, כדי זיך צו בעראטען וועגען א געמיינזאמען שריט פון אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט און אלס רעזולטאט פון דער העכסט בעמערקונגס ווערטע קאנפערענץ איז דאס ערשיינען פון מאניפעסט און א געמיינזאמע דעקלאראציע פון דייטשע און פראנצויזישע פערטרעטער אויף דער קאנפערענץ, וועלכע מיר פערעפענטליכען אין אונזער היינטיגען נומער.

אזוי ווי אונזערע געערטע לעזער האבען די מעגליכקייט אליין אבצושאצען דעם ווערט פון דיביידע אויפרופען דארפען מיר שוין וועגען דעם פיעל ווערטער ניט פערלירען, נאר דאס איינע מעג נאך דא בעמערקט ווערען:

אייגענטליך האנדעלט עס זיך דא וועגען אנ׳אויפרוף צו א געמיינזאמען שריט וואס דער פראלעטאריאט פון אייראפא זאל מאכען כדי צו שליעסען א באלדיגען שלום.

דער מאניפעסט איז פאקטיש שוין א גרויסער שריט פארווערטס דערמיט, וואס ער טרעט ארויס געגען דעם שטאנדפונקט, וואס האט זיך אינ׳ם משך פון דער מלחמה־אויסברוך אויסגעארבייט, אז יעדער טריט פון פראלעטאריאט זאל אבגעהאלטען ווערען דערפאר, ווייל דער פראלעטאריאט פון די אנדערע לענדער וועלען איהם ניט אונטערשטיצען. אינ׳ם מאניפעסט ווערט דער ארבייטער־קלאס פון איין לאנד ווי אויך פון אלע לענדער אויפגעפאדערט צום קאמפף פאר׳ן פריעדען ניט ווארטענדיג אויף די אנדערע לענדער.

וועלכע פראקטישע פאלגען עס וועט האבען דער מאניפעסט אין די פערשיעדענע לענדער קען מען נאך ניט ארויסזעהען. עס שיינט אבער, אז דאס רעוואלוציאנערע פראלעטאריאט פון רוסלאנד וועניגסטענס פון די הויפט־שטעדט פעטערבורג, און מאסקווא, שטעהען שוין יעצט אין קאמפף געגען די צארישע רעגיערונג, און פאר די ליקווידירונג פון די קריעג.

אין דער צייט ווען דאס בירגערטום און רוסישע ליבעראלע יונקער מיהען זיך דורך פערשיעדענע וועגען און מיטלען צו ווירקען אויף די רעגיערונג, אז זי זאל זיך מיט זיי די געוואלד־הערשאפט טיילען אויף דער זעלבער צייט ווייזט די רעגיערונג איהר אמת׳ע געשטאלט ארויס — און ניט רעכענדיג זיך מיט די פאלגען, וואס עס קען ברייגנען איהר האנדלונג — לאזט זיך פונאנדער די דומא און שטיצט זיך בעסער אויף דעם סאלדאטסקי באיאנעט אלס אויף די ראדיקאלע רעדעס. און דאס מאכט די לאגע אזוי, אז דאס רוסלענדער פראלעטאריאט מוז ווידער ווי אין 1905, דעם גורל פון לאנד אין זייערע הענד נעהמען.

אין דער צייט ווען די ליבעראלען פון אלע מינים שאטירונגען האלטען אין איין דערמאנען דעם ארבייטער, אז ער זאל זיך נאר רוהיג האלטען און ניט פערשווארצען דעם הייליג־נאציאנאלען פערבונד ביי דעם אויסערליכען פיינד — הערען די ארבייטער פון רוסלאנד ניט אויף ארויסצוטרעטען געגען דעם אלעם און ווייזען, אז זיי ווייסען שוין גאנץ גוט וואו עס געפינט זיך זייער הויפט שונא.

דער קאמפף פון רוסלענדער פראלעטאריאט איז פאקטיש זעהער א שווערער, דערמיט, וואס די ארבייטער פון אייראפא שווייגען.

די רוסלענדער ארבייטער קענען ביי זיך טראכטען אז אפשר טוען זיי דערמיט נאר העלפען צורייסען רוסלאנד און פער שטארקען דעם דייטשען אימפעראליזמוז וועלכעס וואלט אויך געוועזען אגרויס אומגליק פאר דעם דייטשען פראלעטאריאט. די ארבייטער פון אלע לענדער פערשטעהען גאנץ גוט, אז וואס שטארקער עס זענען איהרע „פאטערלענדישע“ אונטערדריקער אויסער די גרענצען, אלס געפעהרליכער ווערען זיי פאר איהר אינעווייניג.

דער קאמפף, וואס דאס רוסלענדער פראלעטאריאט האט אנגעהייבען זאל ניט בלייבען אוננוצליך און זיין בלוט וואס ער פערגיסט זאל ניט הייסען אונויטיגעס בלוט פערגיסען איז פאראן נאר איין אויסוועג: ער טאר ניט פערבלייבען פעראיינצעלט דער העלדען קאמפף מוז אונטערשטיצט ווערען פון די ארבייטער ניט בלויז פון אייראפא נאר פון דער גאנצער וועלט.

די אומגליקליכע קריעג האט בלינדע זעהענדיג געמאכט: דער קלאסען־קאמפף פון פראלעטאריאט דארף זיך ניט אין נאציאנאלע ראמען איינשליסען. וואו איז דען דעם פראלעטאריאטס היימאט? איז דאס דייטשלאנד אדער פראנקרייך, אדער רוסלאנד? ניין! פאר דעם נייעם פאטערלאנד מוזען יעצט די פראלעטאריער פון אלע לענדער קעמפען; פאר דאס פראלעטארישע פאטערלאנד, ווייל דאס געהערט צו איהם אליין מען דארף ניט ווארטען...

---

„בונד“ס ארבייטער לעזע־זאל פאר אלע אין קאפענהאגען.
שבת ד. 30 אקטאבער, אום האלב 9 אוהר. ווערט אויפגעפיהרט אין אויסטערברוס טעאטער, רויעסגאדע 106, די בעוואוסטע דראמא

פון שלום אש **גאט פון נקמה** אין 3 אקטען.

באל ביז 3 אוהר. — בילעטען איז צו בעקומען ביי אלע מיטגליעדער.

אידען, א חוץ די באנקירען. מען זאגט· אז די גזרה וואלט שוין געווען דורכגעפיהרט· ווען ניט די פראטעסטען פון מיניסטער פון אויסערען סאזאנאוו און פינאנץ־מיניסטער בארק· ביידע האבען געסטראשעט צו רעזיגנירען· אויב די גזרה וועט דורכגעפיהרט ווערען. סאזאנאוו איז געגען דער דאזיגער גזרה אויס דיפלאמאטישע גרינדע· און בארק — אויס פינאנציעלע אורזאכען.

פון דער עקספלאזיאן אויף דער אכטענסקי געוועהר־פאבריק (לעבען פעטראגראד) איז פערניכטעט געווארען די גאנצע פאבריק און 3000 ארביי־ער זיינען דערביי אומגעקומען·

אין גאטשונא· לעבען פעטראגראד, איז פארגעקומען אן עקספלאזיאן אויף אן אייזענבאהן־צוג. וואס האט געפיהרט קוילען: 12 וואגאנעס זיינען פערניכטעט געווארען·

דער פובליקום ווארפט ארויף די אנטווארטליכקייט אויף די נאכלעסיגקייט פון דער רעגיערונג.

צווישען די ארבייטער פון פעטראגראד הערשט א רעוואלוציאנערע שטימונג· א רעוואלוציאנערע ארבייט ווערט צווישען זיי אנגעפיהרט די רעגיערונג האלט דארטען אין ארעסטירען ארבייטער רעכטס און לינקס· פאר רעוואלוציאנערע פראפאגאנדא זיינען ארעסטירט געווארען אויך עטליכע „בארעמהארציגע שוועסטער”

אויך זיינען געוועזן ארעסטען אין ווילנא· די ארעסטירטע ווערען אנגעקלאגט אין בעלאנגען צום „בונד”

דער צענטראל קאמיטעט פון „בונד” האט פארבינדונגען מיט פיעלע שטעדט· מיט א קורצע צייט צוריק האט ער ארראנזשירט א בעראטהונג פון פראמינענטע טהוער.

די שטימונג איז א געדריקטע·

מען דערצעהלט, אז אין מאסקווא· אין דער צייט פון פאגראם אויף דייטשען, האבען זיך די פאגראמשטשיקעס געהאט א לאז געטהאן אויף'ן פאלאץ פון דער גרויספירסטין יעליזאוועטא פיאדאראוונא (די אלמנה פון גרוס־פירסט סערגעי אלעקסאנדראוויטש· דעם אנטיסעמיטישען מאסקווער גענעראל־גובערנאטאר· וועלכער איז צוריסען געווארען פון רעוואלוציאנער קאלאיעוו'ס באמבע). דיעזע גרויספירסטען איז אליין א דייטשע פרינצעססען. האבען די פאגראמשטשיקעס ניט געוואגט שאנעווען אויך דיעזע דייטשקע.

אבער די רעגיערונג האט געשיקט מיליטער צו בעשיצען דעם פאלאץ· די מיליטער האט געשאסען אויף די פאגראמשטשיקעס...

די טאגעס־פראגע ביי די אידען איז יעצט די פראגע וועגען די אויסגעוויעזענע אידען.

די פראגע וועגען שטיצע פאר די דאזיגע אידען פאדערט פיעל ענערגיע, פיעלע קרעפטען.

ווען עס געקומען די טרויעריגע נאכריכט, אז פון קאוונא ווערען אויסגעוויעזען אלע אידען, איז אין ווילנא אין איינער פון די פריוואט־שולען פארגעקומען א מיטינג· אויף וועלכען עס זיינען אנוועזענד געווען ביי א 1000 פערזאן, מייסטענס יונגע לייט· פרייליינס וועלכע האבען פריהער געארבייט אין לאזארעטען פאר די פערוואונדעטע סאלדאטען, האבען אויפגעגעבען די ארבייט און האבען זיך אפגעגעבען מיט דער ארבייט אין די שפייז־פונקטען פאר די מאסען אונגליקליכע אויסגעוויעזענע·

אין רוסלאנד, ווי עס שיינט, וועט באלד פארקומען א וויכטיגער פאליטישער קריזיס· די ראמען פון קריזיס זיינען נאך ניט קלאהר מען ווייס נאר, אז דאס וועט זיין אן אויסערגעוועהנליכער גרויסער קריזיס·

מיט אן אונרוהיגקייט, מיט א צו ראגענקייט ערווארטעט מען דעם דאזיגען קריזיס. און די צוטראגענקייט ווערט אלץ שטארקער זינט דער מאסקווער פאגראם.

אגב אורחא, עס ווערט געמעלדעט פון רוסלאנד· אז אין מאסקווער פאגראם האבען אידען וועניג געליטען· די יעניגע אידען וועלכע האבען יא געליטען, האבען געליטען ניט אלס אידען, נאר וויל די פאגראמשטשיקעס האבען געמאכט א טעות און זיי אנגענומען פאר דייטשען·

# קאסע בעריכט פון בונדישען פעראיין

פון 18־טען דעצעמבער 1914 ביז 17 יולי 1915.

## איינקונפטע.

| | |
|---|---|
| געבליבען אין קאסע | 27,-94 |
| מיטגליעדער בייטראגע | 59,-50 |
| טאמבאלע דעם 19 יוני | 40,-90 |
| אנדבה פון ק. נ. ן. | 1,-35 |
| פערקויפט ליטעראטור | 14,-14 |
| „ אונזער פראגראם | 2,-50 |
| „ ליטעראטור | 3-75 |
| געזאמעלט פאר אקראנקען מיטגליד | 56,-92 |
| „ צום ערשטען מאי | 3,-95 |
| „ פאר'ן צ. ק. פון בונד אויף די ליסטען: 12, 72, 73 צו פערשפרייטען ידיאות פון רופלאנד | 50,-50 |
| פון ה. פ. פאר די „צייט” | 14,-94 |
| ס"ה איינקופט | 276,-39 |
| אויסגאבען | 264,-55 |
| געבליבען צום 17־7 1915 | 11,-84 |

## אויסגאבען.

| | |
|---|---|
| געשיקט געלד אין צ. ב. פון בונד | 159,-12 |
| קארעספאנדענץ „ „ „ „ | 3,-06 |
| „ אין אמעריקא לאנדאן | -80 |
| „ אויפען ארט | 4,-87 |
| שרייב מאטריאל און נאך אנד. | 2-76 |
| מאי אויסגאבען | 20,-30 |
| טאמבאלע אויסגאבען | 13,-64 |
| געשטיצט א קראנקען מיטגליעד | 60-00 |
| ס"ה: | 264,-55 |

חברים, צאהלט רעגעלמעסיג די בייטראגע, אינטערעסירט זיך מעהרער מיט די פראגען פון פעראיין.

### בעמערקונג.

צוליעב מאנגעל אין פלאץ האט ניט געקאנט אריין אין דעם נומער א איבערזיכט פון אונזער טהעטיגקייט אויפ'ן ארט.


ערשטע יודישע דרוקעריי

אין סקאנדינאוויען

«דאס וואכען בלאט»

(אינהאבער יוסף ליטיטשעווסקי).

נעמט אן פערשיעדענע דרוקזאכען אין אלע שפראכען

יודיש, העברעאיש, דעניש, דייטש, פוי־ליש, ענגליש, און פראנצויזיש.

אין קורצען ווערט ערהאלטען א גרויסער אויסוואל

פון רוסישע שריפטען.

קלישע אין שטריכען אויך אוטא (פא־טאגראפיע)! גומינע שטעמפלען!

סאלידע אויספיהרונג־ ביליגע פרייזען·


„Das Wochenblatt"s Trykkeri, Hausergade 36.

וועטא, ס'איז געוועז צו שפּעט.

רוסלאנד'ס ראלע אין דער מלחמה איז פארמעל אויך פאלקאם א לאיאלע. ניט בלויז על פי דין, נאר אפילו על פי יושער קען מען צו איהר גאר ניט האבען. אין א קריטישען מאמענט פאר סערביען האט רוסלאנד ניט געקענט ניט אננעהמען זיך פאר'ן „קלענערע ברודער". רוסלאנד'ס קאמפף איז א פערטיידיגונגס קאמפף, ניט אן אנפאלס־קאמפף.

די פראקלאמירונג פון'ם קריעג האט אין גאנצען פערשפארט דעם אלגעמיינעם סטרייק פון דעם אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט „אלע רעדער זיינען שטעהן געבליבען", נאך איידער דער ארבייטער־קלאס האט אייספייעט זיין ווארט צו זאגען. זיי זיינען אבער שטעהן געבליבען ניט אויף זיין בעפעהל, נאר אויף דעם בעפעהל פון אן אנדערע מאכט, די מאכט פון די קריעגס־געטער.

מ'קען אפשר מאכען א פארוואורף דעם ארבייטער־קלאס, פאר וואס האט ער ניט אין זיין מאכט די ארמעען, די קאנאנען, די לופט שיפען, די באהנען. אין אונזער צייט קען מען נאר מיט אזא מאכט האלטען מלחמה—געגען מלחמה. אזא פארוואורף איז אבער אַאונזין.

די מאכט פון די הערשענדע קלאסען האט זיך ענטוויקעלט און בעפעסטיגט אין א משך פון טויזענדער יאהרען. אז דער ארבייטער קלאס איז געקומען צום בעוואוסטזיין פון זיין מאכט איז נאך ניטא קיין פולער מענשען־דור. און דאך האט ער שוין בעוויזען צו ארגאניזירען אן ארמעע פון איבער צעהן מיליאנען קעמפּפער. אין דעם משך פון דעם האלבען יאהרהונדערט, וואס די ארבייטער־בעוועגונג עקזיסטירט, האט זי שוין אוספייעט צו פיהרען קאמפפע אהן א צאהל, און ניט איין גרויסער זיעג — הונדערטער זיעגען זיינען פערצייכ נט אין איהר רייסטער, און מיט יעדען יאהר ווערט פעסטער איהר מאכט, ווערט שטארקער איהר אויטארי ':ז, ווערט גרעסער די צאהל פון איהרע ארמעען.

ווען דער ארבייטער־קלאס וואלט געהאט בכוח אבצושטעלען די איצטיגע קאטאסטראפע, וואלט דאס געוועזען זיין לעצטער קאמפף און דער אנהויב פון זיין הערשאפט, די הערשאפט פון אחדות און גערעכטיגקייט. די שעה פון'ם לעצטען קאמפף האט אבער נאך ניט געשלאגען. דעם ארבייטער־קלאס וועט פארקומען אהן א ספק, דורכצולעבען ניט איין שווערען נסיון, ביז ער וועט קומען צו זיין ענדליכע זיעג.

אבער זיעגען וועט ער, זיעגען מוז ער, דארין מוזען מיר גלויבען, ווייל ער, — דער ארבייטער־קלאס איז דער טרעגער פון יענע שעהנע ערהאבענע אידעען, וואס בעלייכטען דעם יסורים־פולען וועג פון דער מענשהייט, ווייל נאר אין איהם ליגט פערבארגען דער סוד פון דער גאולה פאר אלע אונטערדריקטע קלאסען און פעלקער.

„יודישער סאציאליכט" א. ליטווין.

## דער בונד וועט לעבען!

זעלבסט־פערשטענדליך אז דער „בונד" צוזאמען מיט די איבעריגע סאציאליסטישע פארטייען לעבט איצט איבער אקריטישען מאמענט, אבער מיר זענען זיכער, אז דער בונד, וואס האט די וועלט געמאכט בעוואונדערען מיט זיין דיסציפלינירט . ארגאניזאציאנס־אפאראט און איבערגעבענהייט, דער בונד וואס האט געפינען אין די קריטיש־סטע מאמענטען דעם נויטיגטען ווארט צו זאגען, דער בונד וואס איז ארגאניש צונויפגעוואקסען מיט'ן יודישען פראלעטאריאט, קאן ניט שטארבען!! און אזוי לאנג ווי דער יודישער פראלעטאריאט לעבט, וועט דער בונד לעבען אנצופיהרען די סאציאליסטישע ארבייט צווישען איהם.

# א בריעף פון רוסלאנד.

## דער בריעף איז אונז אנגעקומען פון אויסלענדישען קאמיטעט פון „בונד".

טהייערע גענאסען! ושענעוואָ, יולי 2, 1915.

פון רוסלאנד מעלדעט מען אונז פאלגענדעס:

דער מאסקווער פאגראם אויף דייטשען איז געווען אן אונגעוועהנליך שרעקליכער. דער טווערסקער בולוואר, איינע פון די הויפט גאסען פון מאסקווא, זאגט מען, איז פערוואנדעלט געווארען אין א בארג רואינען. די פאגראמשטשיקעס האבען ראבירט געשעפטען אונטערגעצינדען הייזער, ערמארדעט מענשען, פיעלע מענשען האבען זיי אריינגעווארפען אין טייך אריין...

די פאליציי האט זיך פון אנפאנג, ווי זי איז זיך אימער נוהג אין א פאגראם, ניט געמישט. נאכהער אבער האט זי שוין ארויסגערופען מיליטער, וועלכע האט זאגאר געשאסען. פיער מענשען זיינען דערביי דער'הרג'עט געווארען.

אין מאסקווע איז אין אלגעמיין ניט היימליך. די רעוואלוציאנערע קרייזען זיינען אומרוהיג צוליעב דעם כאראקטער, וואס די אונצופריעדענהייט פון דער מאססע נעהמט אן, און זיינען ענטטוישט פון איהר אונבעוואוסטזיננינער שטימונג.

דער צוזאמענפאהר פון סוחרים און פאבריקאנטען האט ארויסגעוויעזען ניט אזא אפאזיציאנעלע שטימונג, ווי מען האט ערווארטעט. די אורזאכע זיינען די סטראשונקעס פון דער רעגירונג אויפצולעזען דעם צוזאמענפאהר, אויב ער וועט זיך ערלויבען אפאזיציאנעלע רעדעס און רעזאליוציאנען.

ראדזיאנקע, דער פרעזידענט פון דער דומא, האט איינגעוויליגט צו קומען צום צוזאמענפאהר, אויב די דעליגאטען וועלען זיך ניט בעשעפטיגען מיט פאליטיק.

אויף'ן צוזאמענפאהר האט מען פון דעסטוועגען געקענט הערען פיעלע שארפע רעדעס.

מאנסוראוו דער קאדעטישער דעפוטאט פון ריגא, צ. ב. ש. האט געזאגט: די טשינאווניקעס, די רעגירונגס־בעאמטע די רעגירונג גופא זיינען בערייט צו פערקויפען רוסלאנד, אבי דעם 20, טען (די רעגירונגס בעאמטע אין רוסלאנד בעקומען זייערע שכירות בלויז איינמאל א חודש, דאס איז דעם 20 טען פון יעדען מאנאט) זאלען זיי קריעגען זייערע שכירות..

אנדערע רעדנער האבען זיך אויסגעדריקט, אז די ארמעע „אט ניט קיין ביקסען און קיין קוילען

איבעראל וואקסט די איבערצייגונג, או די ארמעע וועט צוקלאפט ווערען. די שטימונג פון די אפיצירען איז א געדריקטע. זיי בעהויפטען, אז די מלחמה איז א פערשפּיעלטע זאך. די רעגירונג פארבערייטעט זיך שוין צו א נידערלאגע און סטארעט זיך צו צוגעוואוינען די בעפעלקערונג צום געדאנק וועגען א דורכפאל. אין די „הויכע פענסטער" ווערט ערקלערט, אז אויב לעמבערג וועט פאלען, וועט די רעגירונג איינרופען די דומע").

די אידען זיינען אין א געדריקטער שטימונג. די ראדיקאלע אידישע אינטעליגענץ רעדט שוין וועגען עמיגראציאן ווי אויף'ן איינציגען אויסוועג פאר די רוסישע אידען.

דיעזע שטימונג פיהלט זיך איבערהויפט ביי די אידישע „איסקראוועס" (אנהענגער פון דער אמאליגער רוסישער סאציאל־דעמאקראטישער צייטונג „איסקרא"). אויך ביי מאנכע בונדיסטען, ביי פיעלע איז אין די נשמות פארגעקומען א פאלשטענדיגע איבערקעהרעניש.

עס פערשטעהט זיך, אז די איבערקעהרעניש איז פארגעקומען ניט ביי פארטיי־מיטגליעדער, נאר ביי די יעניגע, וועלכע האבען זיך נאר גערעכענט פאר אנהענגער פון „בונד" אדער פון „איסקרא".

ניקאלאי ניקאלאיעוויטש, דער הויפט־קאמאנדיר פון דער ארמעע האט שוין געהאט בעשלאסען ארויסצוטרייבען פון פעטראגראד אלע

## די ווייסע טויב פון שלום (א. רייזין).

ווייסער טויב פון שלום,
קום פון ערגעץ אן,
און פון אייביג פריעדען
זאג די בשורה אן!

ס׳פאלט דאס הארץ פאר פחד
און פאר אנגסטען איין.
און מיט שרעק מיר פרעגען:
וואס וועט ווייטער זיין?

ווי די שאטענס וואנדלען
אויף דער ערד מיר אום;
ס׳ריידען די קאנאנען
און דער מענש איז שטום...

ברידער געגען ברידער —
און דער האס איז גרויס!
ווייסער טויב פון שלום,
קום און לייז אונז אויס.

ווייסער טויב פון שלום,
פארזיכטיג דאך זיי,
דען די לופט, דער הימעל
איז איצט אויך ניט פריי:

זעסט א טייוועל פליהט דארט
אין דער הויך ארום:
אייזען — זיינע פליגעל,
פייער — איז זיין ברום!....

מייד איהם אויס, דעם טייוועל
היט זיך פאר איהם גוט;
דיינע ווייסע פליגעל
שמירט ער אויס אין בלוט!...

## דער ריעז איז ניט געשטארבען־ דער ריעז לעבט!

י בורזשואזע און קליינבירגערליכע פרעסע—ביידע זאגען אב „קדיש" נאך דער אינטערנאציאנאלער ארבייטע ־בעוועגונג. יענע מיט א שלעכט פערבארגענעם „אהא!" און די מיט כלומר׳שטען „א רחמנות". די פרעסע איז נאטירליך ניט מעהר ווי אן אבקלאנג פון דער שטימונג אין פאלק, אין גאס. דער קאפיטאל שרעקט זיך, איז נערוועז, און דארף האבען אויף וועמען אויסצוגיסען זיין ביטער־רע גאל. דער קליינבירגער, וואס איז בכלל ניט געוואוהנט צו טראכ־טען, צו אבגעבען זיך א דין וחשבון פון דעם, וואס טהוט זיך ארום, איז איצט אין גאנצען פערלארען. ביי דער בורזשואער פרעסע איז דא איין שולדיגער—ווילהעלם, „דער משוגענער הונד!" דער שמאל-קעפיגער באלעבאס קומט איצט מיט גאנצע טענות צום פראלעטא־ריאט: „דו אזוינער און אזוינער! האסט זיך בעריהמט צו ברייגען אויף דער וועלט די גאולה; האסט זיך געבריהמט, אז דו ווסט ניט דערלאזען די שווערדען ארויסנעהמען פון די שיידען; וועסט געבען דיין מעכטיגען „פריקאז" און ברייגען צו א „סטאפ" די גאנצע בלוטיגע קאמאנדע... און פלוצלונג—ביזטו פערשוויגען געווארען האסט די הענד אראבגעלאזען, און וואסער אין מויל אריינגענומען.. וואו איז דיין יעצטיגע שטים? וואו איז דיין בריה שאפט?"...

נאר ווען עס שווייגט די שטים פון אמת און גערעכטיגקייט, הייכט ניט, אז אמת און גערעכטיגקייט זיינען געשטארבען. ווען דעם פראלעטאריאט׳ס שטים הערט זיך איצט ניט, הייסט דאס אויך ניט, אז ער און די אייביגע אידעאלען פון ברידערליכקייט און ליעבען וואס ער איז זייער טרעגער—זיינען טויט. צו פריה איז דער „אהא!" פון דער בורזשואזיע; און אהן א שום גרונד איז דער פעסימיזם פון׳ם באלעבאטישען שטאנד.

מיט מעהר רעכט, ווי אט די ביידע טענות, האט די ארגאניזירטע אינטערנאציאנאלע ארבייטער מאסע געקענט קומען צו זיי מיט פרעטענציעס: איהר קאפיטאליסטען, וואס ווארפט איצט ארויף די שולד אויף „ווילהעלם, דעם משוגענעם הונד" וואו זייט איהר געוועזן און וואס האט איהר געטהון אבצוהאלטען די וועלט קאטאסטראפע? האט איהר ניט אליין מיט אייער וואהנזיניגער קאנקורענץ איבער דער וועלט מארק, מיט אייער וועלט איינשלינגענדען שטרעבען, מיט אייער אונבעגרענצטער, געוויסענלאזער יאגעניס נאך גאלד, ניט צו־געגרייט יאהרענלאנג דעם באדען פאר אייער אייגענעם פערדערבען? איהר שניידט יעצט, וואס איהר האט געזייהט

און צום קליינבירגער, וואס שטעהט איצט מיט פארנאנדער־געשפרייטע הענד און קלאגט אויף׳ן חורבן פון דער מענשהייט און מענשליכקייט, קען דער ארגאניזירטער פראלעטאריאט זאגען: וואו ביזטו געוועזן, ווען מיר האבען דיך גערופען אין אונזערע רייהען צו פערשטארקען די מאכט פון די קעמפפער פאר מענשהייט און מענשליכקייט? דו האסט זיך אין דיין טעמפער גלייכגילטיגקייט גע־לאזט פערטומלען, בערוישען פון דעם פאלקס אונטערדריקער, האסט געלאכט פון די טרוימער, אדער נאך געהאלפען זיי פערפאלגען...

אבער דער ריז, דער ארגאניזירטער אלוועלטליכער פראלעטא־ריאט קומט איצט ניט מיט טענות, ניט צו די און ניט צו יענע. ער שוויגט איצט—דאס איז ניט קיין שווייגען פון א טויטען, עס שוויי־גען די אינטערנאציאנאלע ארבייטער מאסען, ווי עס שווייגט דער מעכטיגער דעמבען־וואלד אין די טעג פון הערבסטליכע שטורעמס יעצט איז ניט זיין צייט, ער מוז אביסעל ארונטערבויגען דעם קאפ און ווארטען ביז די בייזע צייט וועט אריבער. און ער ווייס, אז זי וועט אריבער.

עס שטעהט דער מעכטיגער דעמבען־וואלד און שווייגט. אבער אין זיין שווייגען איז ניטא קיין שום סימן פון פערצווייפלונג. ער שוויגט און—טראכט זיין גרויסען געדאנק, זיין ריעזען־מחשבה. און בשעת ער שטעהט און שווייגט, גיסען זיך אן זיינע ווארצלען, זיין שטאם, זיינע צווייגען מיט נייע זאפטען, נייע קרעפטען, דער שטורם וועט אריבער און דאן וועט קומען זיין רייה צו ווייזען זיין מאכט. דאס וועט זיין א מאכט ניט פון צושטערן און צוברעכן, ניט פון טויט און פערדארבען, נור א מאכט פון לעבען און שאפען, א מאכט וואס וועט אנזאגען א נייעם פריהלינג אויף דער ערד...

דער אינטערנאצ אנאלער פראלעטאריאט האט אפשר איבערגע־שאצט זיינע קרעפטען פאר דער מלחמה. ער האט ניט פאראויסגע־זעהן די פארמען אין וועלכע דער בלוטיגער מבול וועט זיך אויסגיסען.

דריי פעלקער, ענגלאנד, פראנקרייך און בעלגיען, די שטארק־סטע טרעגער פון דער מענשליכער קולטור, האבען געמוזט ארויס־טרעטען אין דעם קריעג אין א פערטיידיגונגס ראלע. די בעוואוסט־זיניגע מאסען פון אט די פעלקער, האבען ניט געקענט בלייבען שטעהן אן א זייט, און מיט זייער פאסיוויטעט מאכען שטארקער דעם אנפאלער און שטעלען זייער לאנד אין געפאהר.

דער אנפאלער, ווידער, איך וועל זאגען דייטליך: דייטשלאנד. אדער ריכטיגער דער דייטשער יונקערשטאנד, האט געגעבען א ברום: „די קאזאקען זיינען הינטער אונזערע טויערען!" דייטשעס פאלק, אונזער פאטערלאנד איז אין געפאהר פערניכטעט צו ווערען פון דריי מיליאן רוסישע בארבארען!"

דער געשריי איז ניט געוועזן אהן א גרונד: רוסלאנד האט זיך גענומען מאביליזירען. דייטשלאנד האט בעציטערט פאר אן אנפאל. דער דייטשער ארבייטער קלאס האט אויך ניט געקענט זאגען זיין

BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

„Der Arbejter“ פרייז 10 אויר(ע) „Arbejderen“

פראלעטאריער פון אלע לענדער פעראייניגט אייך!

אין אייניגקייט איז אונזער מאכט!

# „דער ארבייטער“

ארויסגעגעבען פון „בונדישען“ פעראיין אין קאפענהאגען.

Kopenhagen, 1 August 1915. | Nr. 1. | קאפענהאגען אין אווגוסט 1915.

## צו די יודישע ארבייטער!

אין דער י צטיגער שרעקליכער צייט פון דער אינטערנאציאנאלער מערדעריי, פיהלט יעדער איינציגער פון אונז א הערצליכען שמערץ. יעדער ארבייטער ביי וועלכען די אלטעגליכע שווערע ארבייט, האט נאך ניט דערשטיקט זיין שטרעבען זיך צו בעפרייען פון דעם קאפיטאליסטישען יאך, פערשטייט גאנץ גוטי וואס טוהט זיך יעצט אויף די שלאכטפעלדער אין אייראפא, דארט פאלען טויזענדער פון אונזערע ברידער, דארט ווערען געטויטעט און פערקריפעלט די בעסטע און די יונגסטע קרעפטען פון דער א'יראפעאישע ארבייטער בעוועגונג.

און דא פרעגט זיך: וואס פאר א לוין וועלען אט די פעלקער קריגען פאר דעם פערגאסענעם בלוט פון זייערע בעסטע און יונגסטע קינדער? און וואס פאר א אויסזיכטען האבען זיי ווען די מלחמה וועט געענדיגט ווערען? טויזענדער אלמנות און יתומים טרויערענדע מוטער'ס און פאטער'ס הונדערטער טויזענדער פערקריפעלטע הילפסלאזע בול-מום אויף אייביג פערמשפט צו זיין אבהענגיג פון דעם חסד פון די רעגירונגען אין די לענדער וועלכע זיי געפונען זיך, און די איבריגע וועלכע האבען געהאט דאס גליק צוריק צוקומען גאנץ פון דעם שרעקליכען פייער, קאנען אייך ניט ערווארטען קיין זיסע צוקונפט. א צייט פון ארבייטסלאזיקייט ארימקייט הונגער אין נויט, עקאנאמישע אין קולטורעלע צוריק געשטאנענ...יט, דאס וועט זיין דער לוין פאר די וועלכע האבען אהן זייער ווילען און צום שאדען פון זייער אייגענע אינטערעסען זיך מקריב געוועזען אויף דעם מזבח פון דער יעצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג...

פאר די רעגיר...נגען איז נאך צו ווייניג דאס פערגאסענע בל... פון די איבער 9 מיליאן מענשען, וועלכע ניט וויסענדיג פאר וואס קעמפפען שוין אויף די אייראפעאישע שלאכט-פעלדער אין א משך 13 מאנאטען.

בעזונדערס די לאגע אין רוסלאנד איז יעצט נאך פיעל שרעק-...ער ווי פאר די קריג... אין פרידליכע צייטען ליידען די פעלקער ...ין רוסלאנד ניט ווייניגער פון דער רעאקציאנערער פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג, און יעצט ווען די וואפען ריידען, ווען דאס מארד-געצייג שפיעלט די ערשטע פידעל, ווערט ידער פרייער געדאנק, יערער בערעכטיגטער ווילען פון די פעלקער דערשטיקט אויף דעם ברוטאלסטען אופן. די פרעסע איז דערשטיקט, די ארבייטער ארגאניזאצי-עס זענען אלע פערמאכט, ...לע „אונרוהיגע“ עלעמענטען ווערען פערשיקט קיין סיביר און קאטארגע, אלע טורמעס זענען איבערפילט מיט דער ניט פאטריאטיש-געשטימטע טייל פון דער בעפעלקערונג, איבער אלעס שוועבט דער גרויזאמ...ר אין בלוט איינגעטונקטער קולאק פון דער צארישער רעגירונג...

אבער דאס אלץ איז נאך גאר ניט אין פערגלייך מיט דעם וואס עס ליידט דאס יודישע פאלק, יעדען טאג בעקומען מיר ידיעות פון רוסלאנד וועגען די גרויזאמע פערפאלגונגען אויף יודען, וועגען שרעקליכע גזרות און אונערהערטע רציחות, יעדען טאג אין פער...יידענע ערטער פון רוסלאנד מוזען די יודען פערלאזען זייער האב און גיטס, זייערע אלטע איינגעזעסענע היימען, לויט דעם בעפעהל פון דעם ארטיגען מיליטער קאמענדאנט, זיך אוועק לאזען אהן א וועג, אהן שטעג זיין נע-ונד אלץ צוליב דעם לומפיגען אויסרייד, אז די יודען זענען שפיאנען און א געפאהר פאר די מיליטערישע אפעראציאנען, די זעלביגע יודען, וואס האבען זייערע זוהן, ברידער און פאטערס, הונדערטער, טויזענדער, אויף די פערשידענע שלאכט-פעלדער פון רוסלאנד, מיזען נאך אויסער דעם צוזעהען, אז זייערע פרויען און קינדער, נאהענטע און קרובים, שטארבען הונדערטערווייז, או... די טרויעריגע וואנדערונגען וואס זיי מוזען דורכג...ן לויט דעם בעפעהל פון די צארישע משרתים. אויך אונגעהויער גרויס זענען די ליידען פון די יודען וואס זענען נאך ניט אבגעריסען פון זייערע היימען, די אונגעהויערע שרעק, אז זיי קענען בעפאלען ווערען צו יעדער צייט פון די ווילדע בלוט-דורשטיגע אוניפארם געקליידעטע חיות... די אונזיכערקייט מיט'ן מארגעדיגען טאג, די גאנצע אבגעשטארבענהייט פונ'ם עקאנאמישען לעבען, די נאציאנאלע העצעו...יען וועלכע די רוסישע רעגירונג פלייסט זיך אזוי טאוולוניש אויפצו...נן ביז דער העכסטער שטופע. כדי צופערבלענדען די אויגען פון רוסי...ען פאלק אויף דער אומ עלומפע, טקייט פון איהרע גענעראלען און קריגס פיהרער, וועלכע זענען ניט אימשטאנד דעם קלענסטען ווידערשטאנד צו געבען דעם אויסערליכען פיינד בשעת זיי קעמפפען אזוי „העלדיש“ געגען דעם אינערליכען „פיינד“ וואס בעשטעהט פון רוסלאדס-דעמאקראטישע עלעמענטען און איבערהויבט די יודען, וואס א טאג זעהען מיר דייטליכער, אז די רוסישע רעגיערונג שטעלט זיך פאר א ציהל פשוט פיזיש צופערניכטען דאס גאנצע יודישע פאלק. און מיר יודישע ארבייטער, קינדער פון דעם אומגליקליכען פאלק, וועלכע זענען אונטערגעווארפען די שרעקליכסטע ליידען, טארען דאס ניט צוזעהען און שווייגען, דאס אונשולדיגע בלוט מוז ביי אונז ערוועקען עמפערונג געגען די פעראורזאכער פון דעם שרעקליכען בלוט-באד. מיר מוזען זעהען מיט אלע מעגליכע און אונמעגליכע מיטלען מאכען א סוף פון דער ארדנונג, ביי וועלכע ס'איז מעגליך אזעלכע געשעהענישען וואס קאסטען א ים פון בלוט, און צוזאמען מיט די אלע סאציאליסטישע עלעמענטען וועלכע זענען ניט פער'שכור'ט פון די יעצטיגע שאוואניסטישע שטימונג, פערשטארקען די בעוועגונג פאר דעם באלדיגען פרידען... און די בעוועגונג וואקסט יעצט וואס אמאהל שטארקער און שטארקער, זאלען מיר יודישע ארבייטער אויך ניט שטעהן פון דער ווייטענס, נאר נעהמען אנ'אנטייל אין די גרויסע נוצליכע ארבייט פאר דעם פרידען אין וועלכע מיר יודישע ארבייטער זענען נאך מעהר ווי אלע אנדערע בלוטיג פעראינטערעסירט. דארום טרעט ארריין אין די רייען פון דער יודיי'ער סאציאלדעמאקראטישע פארטיי „בונד“ וועלכע איז א טייל פון דעם גאנצען אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט נאר ווען מיר וועלען מאטע... עליש און מאראליש שטיצען די ס"ד בעוועגונג, דאן וועלען מיר בילדען די מאכט וועלכע וועט צווינגען די קאפיטאליסטישע רעגירונגען זיך צו רעכענען מיט אונז. זייענדיג דא אין קאפענהאגען קאנט איהר יודישע ארבייטער אונטערשטיצען די פריעדענס-בעוועגונג דערמיט, וואס איהר וועט אריין טרעטען אין „בונדישען“ פעראיין. זאלען אייך ניט אבהאלטען קיינע פערזענליכע רייבונגען, ווייל דאס שוואכט ...טענדיג אב אונזער ארבייט פאר דעם גרויסען נוטצען פאר אונזער פארטיי אין רוסלאנד «בונד» און פעראייניגט אינטער דעם פאה... פון «בונד» זאלען מיר צוזאמען מיט דעם אינטערנאציאנאלען פראל... א-ריאט אויסרופען: נידער מיט די קריג! עס לעבע דער פרידען! עס לעבע דער אינטערנאציאנאלער פראלעטארישער סאלידאריטעט!

קאפענהאגען, ד. 15 אווגוסט 1915.

BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS